## ווילן אין לעבן און חורבן

# ילקוט ווהלין

## זאמלונג פון זכרונות און דאקומענטן

רעדאקטירט דורך **א. אבטיחי, נ. ליבנה** און **ח. ב. אילון**

**דריטער באנד** | **זאמלהעפט 22** | **אלול תשכ"ז**

## אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| א בריוו פון ישראל קיין אמעריקע | י. מ. דאבערקירער | 3 —4 |
| די עסקנים פון דער וואלינער פעדעראציע אין אמעריקע . . . . . . . . | | 4 |
| א נס מיט תוספות . . . . . . . . | נ. ליבנה | 5 —6 |
| אונדזער פליכט — א זכות . . . . . . | א. אבטיחי | 6 —7 |
| א נר תמיד . . . . . . . . . | י. האניק | 7 —8 |
| קינדער־שולעס פאראייביקן קהילות . . . . . | מ. בונה | 8 —9 |
| * * * . . . . . . . . . . | א. גל | 9 —10 |
| געסט פון אויסלאנד . . . . . . . . | צ. זאגאראדער | 11 |

**קהילות:**

| | | |
|---|---|---|
| זשיטאמיר ווערט באהערשט דורך די פאליאקן | י. טאבאטשניק | 12—14 |
| די ידן אין ראוונער שטאט־ראט . . . . . | י. שיכאטאוו | 14—15 |
| טארטשין . . . . . . . . . | א. אייזנגארס | 16—17 |
| דאס שטעטל דרושקאפאל . . . . . . | ב. בן־אריה (שארגיל) | 17—18 |
| מיין שטעטעלע בעלאזערקע און... שלום עליכם . | א. גאלדנבערג | 18—19 |
| פון טשודנאווער פארגאנגענהייט . . . . . | ש. קארן | 20—21 |
| טרויעריקע אקאדעמיעס אין ראוונע . . . . . | ש. פיסיוק | 21—22 |
| סטאלינער חסידים אין מלינאוו . . . . . | ס. באַרדיטש־גאלדבערג | 22—23 |
| די איבערלעבנישן אין בערעזנע . . . . . | ח. קאנאניץ | 23—24 |
| דער לעצטער רוף אין לוצק . . . . . . | ד. פריטאל | 24—25 |
| זכרונות פון א פארטיזאן פון ראטנע . . . . | י. גראבאוו | 28—29 |
| וואלינער ידן פארטיזאנער . . . . . . | נ. קאנטאראוויטש | 25—28 |

**פערזענליכקייטן:**

| | | |
|---|---|---|
| צום אנדענק פון פרץ מארקיש . . . . . . | א. דליגאטש | 29—30 |
| אליהו גאלדנבערג . . . . . . . . | א. קיסרי | 30—32 |
| משה מאיר הורוויץ . . . . . . . . | ש. פיסיוק | 32—33 |
| זלמן גערשפעלד . . . . . . . . | ב"צ אילון | 33—34 |
| * * * . . . . . . . . . . | מ. גרינעס | 34—35 |
| ר' יהודה ליב חיימאביטש ז"ל . . . . . . | ארגון יוצאי באזאר | 35 |
| לאה יצחקי . . . . . . . . | א. דליגאטש | 35—36 |
| יעקב אביתר . . . . . . . . | א. אבטיחי | 36—37 |
| ארנון־דוד גראבאוו . . . . . . . . | ג. זאב | 37 |

**לאנדסמאנשאפטן:**

| | | |
|---|---|---|
| פארבאנד פון די אסטראהער אין ישראל . . . . | ח. פינקעל | 38 |
| פארשידענע ארגונים: וולאדימירעץ; ראפאלאווקע, זשיטאמיר; ראוונע; טשודנאוו; קולקי און מעזשיריטש . . . . . . . . | | 39—40 |
| אפטיילונגען: ירושלימער און חיפער אפטיילונג . ירושלימער אפטיילונג; חיפער אפטיילונג . | | 40—41 |

**ידיעות און באגריסונגען:**

| | | |
|---|---|---|
| פון וועלט פארבאנד; אין דער פעדעראציע פון וואלינער ידן אין אמעריקע און קאנאדע . . | | 41 |


רעדאקציע קאלעגיע: ז. איגרת, י. בראט, מ. בורקא מ. בונה, א. גל, ז. גרבוב, נ. זכאי, י. טאבאטשניק און ח.פינקעל

ארויסגעגעבן פון וועלט־פארבאנד פון די וואלינער יידן • תל־אביב • ת. ד. 2540

# צו אלע וואלינער יידן

ס'זענען שוין פאריבער 25 יאָר, זייט דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט אָפגעמעקט די יידישע קהילות אין מזרח־אייראָפע און צווישן זיי אַלע וואָלינער קהילות, אין וועלכע ס'האָט זיך אויסגעשטאַלט אַנאייגנארטיקער יידישער לעבענס־שטייגער מיט איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס און פאָלקסטימלעכקייט, מיט אַ רייכער יידישער קולטור; רומפולע קהילות, וועלכע האָבן מיט זייער גייסט באַשיינט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

דאָס וואָלינער וואַכזאַמע, פרוכטבאַרע און שפרודלדיקע יידנטום, וואָס איז אויסגעשטאַנען פיל גזירות און פורעניות במשך 1000 יאָר בערך, קהילות פון בני־תורה און פאָלקסמענטשן, למדנים און גאונים, מענטשן פון אַרבעט, איניציאַטיוו און שאַפונג — אַלע זענען אומבגעבראכט געוואָרן.

אויף אונדז — די רעשטלעך פון וואָלינער יידנטום, ליגט דער הייליקער חוב אויפצושטעלן אַ דענקמאָל פאר דעם יידישן וואָלינער שבט, וואָס האָט געווירקט, געשאַפן און אָפגעהיט די פונקען און דערגרייכונגן פון אונדזער פאָלק, און האָט זיי אויף פארשידענע געביטן בארייכערט.

מיר זענען פארפליכטעט זאָרגן צו פאראייביקן דאָס וואָלינער יידנטום, אירע גדולים, שרייבער, עסקנים און ארבעטס־מענטשן, וועלכע זענען אומגעבראכט געוואָרן, און אפילו צו קבר־ישראל נישט געקומען.

כדי צו דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע, שטעלט אויף דער וואָלינער וועלט־פארבאנד, אין פארבינדונג מיט די וואָלינער אָרגאניזאציעס אין ישראל און אין דער וועלט, אַ פאראייביקונג און קולטור־ווערק — דעם „היכל ואלין", אַן אַנשטאַלט וועלכער זאָל אויסדרוקן און אָפשפיגלען די גרוסיע פאַרגאַנגענהייט פון וואָלינער יידנטום און איינשפליטערן אירע ווערטן אין דאָס נייע לעבן פון אונדזער דור און פון די קומענדיקע דורות.

דער „היכל ואלין" דארף דינען אלס מאָנומענט פאַר די וואָלינער קהילות און זייערע קדושים, אַ זאַמל־פונקט פאר אַלע וואָלינער אָפשטאַמיקע אין ישראל און אין דער וועלט און פאר דעם וואקסנדן נייעם דור.

מיט דער הילף און ביישטייערונג פון די וואָלינער לאנדסלייט אין ישראל און אין דער גאָרער וועלט איז שוין פארענדיקט געוואָרן דער סקעלעט פונם „היכל" אויפן פלאַץ,וועלכן די שטאָטפאַרוואַלטונג פון גבעתיים האָט געשענקט. כדי צו פארענדיקן דעם בנין, פעלט נאָך אַ קענטיקע ביסל געלט און פול אָנשטרענגונגען.

מיר ווענדן זיך צו אַלע וואָלינער אָפשאַמיקע און פריינט פונם „היכל ואלין", אומעטום ווו זיי געפינען זיך:

### גיט ציגל פארן בנין פון „היכל ואלין"!

**דערפילט אייער חוב צו פאראייביקן אונדזער עבר, די וואָלינער קהילות און זייערע קדושים!**

באַשטייערונגען קען מען שיקן אויפן אַדרעס פונם פאַרבאַנד: איגוד עולמי של יוצאי ווהלין, תל־אביב, רח' ביאליק 8, ת. ד. 2540, אָדער אויפן רעכנונג פונם וואָלי־נער וועלט פארבאנד נומער 47985 אין בנק־הדואר, תל־אביב.

אין אויסלאַנד: אַמעריקע, קאַנאַדע, בראַזיל, ארגענטינע און פראנקרייך ווערן געגעבן ידיעות און אָנגענומען שפענדונגען דורך די אָרטיקע וואָלינער פעדעראַציעס און קאָמיטעטן.

**וואלינער וועלט פארבאנד**

# א בריוו פון ישראל קיין אמעריקע

טייערער פריינד,

איך ווייס ניט צו איר ווייסט אז איך בין איצט אין ישראל. אבער ווען איר וועט באקומען דעם בריוו וועל איך שוין דעם גרוס שיקן צו אייך פון ירושלים, דאס וויגעלע פון דער יידי־שער מלוכה אין פארגאנגענע צייטן, און די גרויסע הייליקע הויפט שטאט פון ווידער אויפ־געריכטער מדינת ישראל. דאס ווינטעלע פון די בערג פון ירושלים, די אטמאספער וואס הערשט איצט אין לאנד, דער געפיל פון די יידן וואס באזוכן די שטאט איז נישט צו באשרייבן.

פון דעם כותל המערבי, דער אנדענק פון יידישער מלוכה׳שאפט וואס איז געווען ווי א דארן אין אויג פאר די שונאים פון יידישן פאלק און וואס האבן געוואלט פירן צום יידישען אונ־טערגאנג איז ווידער אויפגעריכט געווארן. צענ־דליקער טויזנטער מענטשן שטייען מיט גרויס יראת הכבוד און זאגן א תפילה אז דער גרויסער נס וואס איז געשען זאל נישט פארשטערט ווערן. די גרויסע צאל קרבנות וועלכע אונזערע ברידער און שוועסטער האבן באצאלט פאר דעם דאזיקן נצחון קעגן די אראבישע מערדער און פאר־ברעכער, וועלכע האבן געוואלט ניט נאר געווינען א מלחמה נאר אויך אומברענגען די רעשטלעך פון אונדזער געראטעוועט יידיש פאלק, איז ניט געווען אומזיסט.

איך האב געזען די ערטער וועלכע איך האב באזוכט אויף מיינע פריערדיקע רייזעס ווי אויך די נייע ערטער וועלכע זיינען הייליק צו יעדערן פון אונז, דעם כותל המערבי, מערת המכפלה, קבר רחל און אנדערע וויכטיקע פונקטן.

אומעטום קומען יידן פון דער גאנצער וועלט זען און באוואונדערן די געשיכטע פון יידישן פאלק און דעם אורשפרונג פון דער אנשטייאונג פון דעם גלויבן אין איין גאט. די פרייד פון די יידן ביי דעם כותל המערבי איז נישט צו בא־שרייבן. דער געפיל אז ירושלים איז ווידער איין שטאט און אז עס וועט אזוי פארבלייבן איז אין לשער. טאטעס און מאמעס ברייינגען זייערע בר־מצוה קינדער צום קוואל פון יידישקייט.

ישראל איז היינט צו טאג דער גרעסטער שם המפורש פאר אלע יידן אין זייער צושפרייטקייט און מעג דער גלות אמעריקע זיין באשיינט מיט דער זון פון פרייהייט, פילט איר אז אין ישראל איז זיכערער די צוקונפט פון פאלק.

ארומפארנדיק האב איך באזוכט נייע אונ־טערנעמונגען, וועגן, עלעקטראסטאנציעס א. א. וו. האב איך געזען די גרויסע ברכה וואס די באנד געלטער האבן געבראכט צו מדינת ישראל. די דאזיקע געלטער זיינען געווען און זיינען יעדן טאג דער גרויסער געווינס וועלכער ענטוויקלט ווידער דעם אויפבוי און רעקאנסטרואירט חרוב געווארענע ישובים און שאפט דעם וועג פאר א זיכערן קיום פון פאלק און לאנד, העלפנדיק מדינת ישראל צו ווערן איינע פון די בעסט אנט־וויקלטע לענדער פון דער וועלט.

דער חלוציש־פיאנערישער גייסט האט זיך קיינמאל נישט אויסגעלאזט אין דער מדינה. טויזנטער יידן, מיידלעך און בחורים פון ישראל זענען אלע מאל געווען גרייט ניט נאר צו געבן זייער לעבן פאר דער עקזיסטענץ פון דער מדינה, נאר אויך צו בויען נייע ישובים, פארפעסטיקן אלטע און שטארקן די עקאנאמיע פון לאנד. **ישראל באנדס העלפט זיי אין דער דאזיקער גרוי־סער און הייליקער ארבעט.**

ווען איך שרייב אייך דאס בריוועלע בין איך נאך ניט געווען אין סיני. עס איז ניט לייכט אנצוקומען אן א ספעציעלער דערלויבניש. איך וואלט זייער געוואלט כאפן א שווים אין סועץ קאנאל, ווו נאצער לאזט ניט דורך די ישראל שיפן. לאמיר כאטש נעמען נקמה און שווימען אן א שיף.

א באזונדער קאפיטל איז די ישראל ארמיי. דאס בעסטע און שענסטע וואס איז דא אויף דער וועלט. איך האב זיך דא געטראפן מיט מיינע אלטע פריינט און פיל מיינע פריערדיקע באזוכן אין לאנד. עס איז דא וואס צו זען און הערן. די גרעסטע אנשטרענגונגען זענען געמאכט געווארן דורך דער מדינה אין געלטער און מענטשן מא־

טעריאַל. אין דעם מאָמענט איז נישט נויטיק אָנצורופן נעמען פון איינעם, צוויי, אָדער דריי העלדן. דאָס גאַנצע ידישע פאָלק אין ישראל האָט העלדיש געקעמפט. יינג און אַלט, מאַן און פרוי האָבן געטאָן זייער הייליקע פליכט נישט נאָר פאַר זייער כבוד נאָר אויך פאַר אונדז ידן אין אַמעריקע. גרויסע קאַפּיטאַלן זיינען נויטיק פאַר דער אָבסערווירונג און פולער עקאָנאָמישער אויפריכטונג, וועלכע דאָס פאָלק דאַרף שאַפן.

איך וואָלט געקענט שרייבן טעג און נעכט, ווייל ס׳ווילט זיך טיילן מיט אייך, אָבער די צייט איז קורץ.

מיין באַזוך איז ניט נאָר אַ וואַקאַציע נאָר מער אַ זוכונג פון ישראל׳ס פּראָגרעס און פּראָבלעמען וואָס איז פון גרויס אינטערעס פאַר יעדערן פון אונדז. וויל איך אייך דערווייל זאָגן שלום און אייך דערציילן דאָס איבעריקע אין ניו־יאָרק.

שלום וברכה אייך און אַלע ידן.

מיט בעסטע גרוסן, אייער,

**יחיאל מ. דאַבעקירער**

**די אַנפירער פון דער פעדעראַציע פון די וואָלינער ידן אין אַמעריקע**
**די פרעזידיום און פערוואַלטונג מיטגלידער (פון רעכטס) :**



ערשטע רייע : ד״ר מאַקס גיבער, הררי גריפמאַן, חנה מעלניק, ניסן פירער, אברהם גערשענזאָן און יעקב אלבירט. — צווייטע רייע : אברהם געפטער, בצלאל קריוונס, שלום מעלניק, שלמה טיכשער, משה צוקערמאַן, שמואל שניטער, בען טשעפּניק און סעם מאזגאל. דריטע רייע : מאיר טובלין, ד״ר יעקב טובלין, מאַקס גילבערג און משה דוד בעל.

# א נס מיט תוספות

דריי דורות אין ישראל שמועסן איבערן גרויסן נס.

זידעס: ידן אָן עין־הרע באַפעסטיקטע, פאַרזאָרגטע „אויף קינדס־קינדער״; ידן־פענסיאָנערן, לעבן שוין פון קצבה, אָבער פאַרזאָרגטע מיט חיונה ביז ביז... ידן אָרעמערע, מ׳לעבט — אַביסל פון קינדער, אַביסל פון „ביטוח לאומי״ (סעקיוריטי), אַביסל... ידן פרומע, גאָר פרומע, פרייע, גאָר פרייע... נאָר וואָס שייך די „יום הששי מלחמה״ — אַלע אין איין קול: אַ נס, אַ גרויסער נס. פון די אמת׳ע נסים אין אונדזער געשיכטע, ניט קלענער פון נס אויפן ים...

זין: מענטשן אין די מיטעלע יאָרן, פון אַלע שיכטן. באַשעפטיקונג און פאַכן — סוחרים, אַקאַדעמיקער, האַרעפּאַשניקעס. אַ טייל — פייטערס. זיך שוין באַטייליקט אין עטלעכע מלחמות, נו, און איצט, — געקעמפּט ווי די לייבן! דאָך... צי קענען זיי זאָגן אַז דאָ איז ניט געשען קיין נס? עפּעס ווי אדוני איש מלחמה וואָלט זיי געפירט פאַראויס... ר׳ ייד, זייט מוחל, אַזעלכע זאַכן איז ניט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט...

אייניקלעך: יינגלעך. די מערהייט — סאַברעס. געבוירן אין ישראל. כלומרשט פון פאַרשידענע עדות, נאַרישקייטן. ווער־ניט־ווער — באַבערדלט. בערדעלעך פון שם און בערדעלעך פון יפת. אויף אַ נאָווינע אפילו אַ כינעזיש בערדל. ניט סתם פייטערס — אל״ף־אל״ף. ווילן ניט געהרג׳עט ווערן, אָבער ווייסן ניט וואָס איז אַזוינס מורא האָבן, פחד. דאַכט זיך אַז דער דאַזיקער חוש פעלט זיי בכלל. אַ צוציק אַנ׳אָפּיציר לויפט פאַראויס. קען דיר אַריינפאָרן מיט איין טאַנק צווישן צענדליקער זייערע. אַרויסשרייען צו זיי אויף זייער לשון. הייסן זיי פאָרן ווייטער, בלייבן פון הינטן און זיי אַלעמען באַשיסן. ביז נצחון! נסים! — זיי לאַכן אין די בערדלעך אַריין. זאָגן חלילה ניט ניין, האַלטן זיך ניט אין גרויסן, אָבער...

וואָס? וואָס איז דאָך דאָ געשען? ווו שטעקט דער סוד פון גרויסן, שנעלן נצחון? ווו איז דער מקור פון נס, וואָס אפילו דער דור יינגלעך לייקענען אים ניט אָפּ? אין אונדזער יאַרהונדערט האָט דאָך יעדער נס, אויב עס געשעען בכלל נסים, אַ נאַטירלעכן פּירוש, תוספות און קאָמענטאַרן, און כל׳ערליי אַרומרעדעכצן. איז ווי אַזוי ווערט אויסגעטייטשט דער נייער נס?

* * *

ווילסטו דערגיין עפּעס אַ סוד — זוך זיינע שפּורן אויפן אָרט ווו די זאַך האָט פּאַסירט; ווילסטו וויסן דעם סוד פון אונדזער נצחון — קום קיין ישראל, קוק זיך גוט אַרום, הער און שפּיר און לערן. נאָר דאַן האָסטו אויסזיכטן צו פאַרשטיין. ריכטיקער געזאָגט: פילן. ווייל אָן געפיל איז גאָרניט. און געפיל איז אַ זאַך וואָס ניט שטענדיק קלעפּט זיך צו איר צו אַ פּירוש.

ראשית חכמה פילן דעם פּולס פון לעבן אין ישראל. שפּירן די יוגנט. דעם אופן ווי אַזוי די יוגנט איז דערצויגן געוואָרן. די אַטמאָספערע אין וועלכער זי געפונט זיך. און אין קלאַמערן: אַ לויב געזאַנג פאַר די לערער און די דערציער אין די יוגנט אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן פאַרשטאַנען און דערפילט זייער אויפגאַבע לעילא ולעילא. זיי האָבן אונדז דערצויגן די יוגנט ווי געהעריק: פיזיש, גייסטיק און מאָראַליש. באַלאָדן מיט וויסן. די יוגנט וואָס איז דער רעזערוואָר פון צה״ל, פון ישראלס רומפּול מיליטער, דער רעזערוואָר פון די מפקדים, וועלכע לויפן פאַראויס אין שלאַכט און רופן: „נאָך מיר!״

און מ׳דאַרף זוכן די שפּורן פון נס אויך אין מעשים. קליינע און גרויסע. גלאַנצענדיקע און גרויע. טאָג איין, טאָג אויס.

וואָס מער קהלת איז געווען קלוג, ווערט געזאָגט, אַלץ מער האָט ער געלערנט און געפאָרשט, און געהערט און געזאַמלט און געמאַכט משלים אַ סך. אַזוי אויך מיר. ניט גערוט. ניט פאַרזוימט. מיט שווייס און מיט בלוט. מיט מי און פאַרשטאַנד. געפּאָרעט זיך אָן אויפהער ערב שבת, כדי צו עסן אום שבת.

אין סומכים על הנס, — מ׳טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אויף נסים. נסים פאַלן ניט אַראָפּ פון

הימל סתם אזוי, מ׳דארף קענען זיך דערהויבן אין די הויכקייטן כדי דעם נס אראָפּצובריינגען. דאָס איז דער סוד פון באמת גרויסע מענטשן, וואָס זענען סוף־סוף, נאָך אויסערגעוויינלעכער מי, מצליח אין זייער וועג; דאָס איז דער סוד פון אַ פאָלק, וואָס האָט ניט פארלוירן זיין האָפנונג און שטרעבונג אין משך פון הונדערטער (טויזנטער!) יאָרן, ביז ס׳האָט געלערנט ווי אזוי זיי צו פארווירקלעכן. דער סוד פון לא ינום ולא יישן שומר ישראל.

* * *

דריי דורות אין ישראל. יעדער דור גיט דעם נס אַ אנדער פירוש. פירושים וואָס מאַכן אָפּשר דעם נס וואָס אַמאָל פארשטענדלעכער, נאָענטער צו אונדזער השגה, אָבער דער יסוד בלייבט טיף צווישן די אוצרות פונ׳ם פאָלק.

פאַר וואָלינער יידן, גרעסערע אָדער קלענערע לומדים, אָבער וואָס זענען דורות־לאַנג געווען איינגעטונקען און אַנגעזאָפּט מיט תורה און ידישקייט, וואָס האָבן געלעבט אין כתריאליווקע, נאָר מיט הארץ און אין טרוים אין ארץ־ישראל — אזוי ביז דער חלום איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט — פאַר זיי איז עס ניט שווער צו פארשטיין.

**נתן ליבנה**

# אונדזער פליכט - א זכות



געביידע פון „היכל וואָלין״

אויב דאָס איבערגעבליבענע וואָלינער ידנטום, וואָס איז פארשפרייט אויף דער גאַרער וועלט, נאָך אזא פיזישן און גייסטיקן חורבן, האָט זיך געקענט אויפמונטערן און זוכה זיין צו דערפילן אַזאַ גרויסע אויפגאַבע — א נאַציאָנאַלע און אַ מענטשלעכע, ווי פאראייביקן די גרויסע פארגאנגענהייט — דאָס איז פאַר איר אַ גרויסע ז כ י ה.

צו האָבן מיר געקאָנט אנדערש?

אין אונדזער וועלטל, וואָס איז אזוי צומישט און פארפּלאָנטערט, ווען עס דראָט אונדז אלע (אין גלות) די סכנה פון אַסימילאַציע (אָפּשר וועט אונדז געלונגען, אַ דאַנק דעם לעצטן ישראל׳דיקן נצחון אביסל אָפּהאַלטן די אַסימילאַציע); ווען מ׳פארפרעמדט זיך צו אלע דורך דורות־פאַרהייליקטע ווערטפולע ענינים, איז דען ניט געווען אונדזער חוב צו זאָרגן צו פאראייביקן אונדזער גרויסע, שיינע פארגאנגענהייט?

די פריערדיקע דורות מיט זייערע שאַפונגען זענען פאַר אונדז אַ סימבאָל אוןביישפּיל כדי פאָרצוזעצן זייער ארבעט — דאָס אויפלעבן פון אונדזער פאָלק. אונדזער פליכט זענען מיר מחויב אויסצופילן.

די וועלטלעכע אָרגאַניזאַציע פון די וואָלינער יידן, וואָס האָט זיך געגרינדעט דורך אַ גייסטיקן אויפברויז און אינערלעכער אנערקענונג, האָט געזען פאַר זיך צוערשט דעם פלאַן, דאָס פאראייביקן פון וואָלינער יידנטום, אַ שבט וואָס האָט געלעבט און געשאַפן אין פארלויף פון טויזנט יאָר, בערך.

אין אויפבוי פון „היכל וואָלין״ זעען מיר אַ מאָנומענט פאַר די קהילות, וואָס האָבן עקזיסטירט און געבליט אפילו אין די גלותדיקע באַדינגונגען און זענען חרוב געוואָרן, און פאַר די אומגעקומענע קדושים. לאָמיר דעם היכל אָנפילן מיט אינהאַלט, וואָס וועט פארבינדן די פארגאנגענהייט מיט דער צוקונפט, זיך צוזאַמענגיסן מיט אונדזער נייעם זעלבסטשטענדיקן לעבן. דאָס איז אַ זכות וואָס לייגט ארויף אויף אונדז דעם גרויסן חוב מיר זאָלן זען אלע צוזאַמען אויפצושטעלן דעם גרויסן מאָנומענט.

*

און עטלעכע ווערטער נאָך דעם גרויסן ישראלדיקן נצחון אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. דאַכט זיך אַז מיטן דאָזיקן נצחון הויבט זיך אָן פאַר אונדז אַ נייע תקופה. ניט נאָר וואָס שייך זיכערהייטס־ענינים, אויך וואָס שייך גייסטיקע ווערטן. אַ תקופה אין וועלכער ווערטן פון עבר און צוקונפט באַגעגענען זיך, בינדן זיך צוזאַמען.

ליידער האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די רשימה פון אונדזערע קדושים, די כוונה — די יונגע גיבורים פון צה״ל, וואָס זענען געפאַלן אין די דריי מלחמות קעגן אלע אראבישע מלוכות אין פארלויף פון די לעצטע 20 יאָר, צווישן זיי קינדער פון אונדזערע וואָלינער חברים, אויך פון חברים פון וואָלינער וועלט פאַרבאַנד. זאָל זייער אָנדענק, צוזאַמען מיטן אָנדענק פון מיליאָנען קדושים אין אייראָפּע, לעבן אין אונדזערע הערצער ביזן לעצטן דור.

די אָנפירערשאַפט פון „היכל וואָלין״ וועט וויסן צו פאַראייביקן זייער אלעמענס אָנדענק.

**אריה אבטיחי**

# א נר־תמיד

(פון אַ פאָרטראָג אויף אַן עקזעקוטיווע־זיצונג פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד)

חשובע פריינט, כ׳בין גליקלעך וואס איך האב די געלעגענהייט מיט אייך זיך צו באַגעגענען. ניט בלויז וייל איר זענט ישראלים, צו סתם וואָלינער יידן, נאָר ווייל איר זענט פאַר׳עקשנ׳טע וואָלינער יידן. עקשנות פארוועבט מיט אַ ווילן אויפצושטעלן אַ מאָנומענט פאַר קדושים וועלכע זענען אַזוי גרויזאַם אומגעקומען. ניט אלע וועלכע קומען פון אונדזערע שטעט און שטעטלעך, ווילן זיך אפשר קאָנען דערהויבן אויסצופירן אזא הייליקן פליכט. אמת, אַלע האָבן געוויינט אויפן חורבן און באוויינט אלעמענס און אייגענע קדושים, אָבער די צייט טוט דאָס איריקע, מ׳קען ניט ארומגיין כסדר מיט פאַרוויינטע אויגן. נאָר איר זענט ניט אנטשוויגן געוואָרן. אין אייער שטילן געוויין האָט געגליט אַ הייליקער באַגער ניט רוען, געדיינקען און ניט פאַרגעסן קיינמאל!

עפעס דארף געטון ווערען וועגן אויפשטעלן אַ זכר אויף דעם חורבן פון אלע אונדזערע שטעט און שטעטלעך אין וואָלין. איר האָט אייער געדאַנק איבערגעשיקט איבער ימען און ביי אסך פון אונדז איז געבוירן געוואָרן דער ווילן, און בשותפות מיט אייך זאָל אַזאַ זכר אויפגעשטעלט ווערן, כדי מיר זאָלן אין דער שיין פון יאָר־צייט־ליכט דערזען אונדזערע קדושים און פאַרגיסן אַ טרער.

דער צוועק איז אַ היכל־וואָלין, ווו אויך אונדזערע קינדער און אייניקלעך, דורות־לאַנג זאָלן מיט קדושה אַריינקומען אין דעם היכל, און אין פלאַם פון נר־תמיד זאָלן זיי פערשטיין און פערהייליקן די, וועלכע מיר האָבן פאַרהייליקט.

בין איך אַנומלט געווען ביי דעם געבוי פון היכל־וואָלין, כ׳בין דאָרט געשטאַנען מיט פרייד און מיט טרער, וואָס אויך איך שטיי ביים בראַשית אין אַליין אויך צוגעטראָגן אַ ציגעל לויט מיין מעגליכקייט און וואָס כ׳האָב מיט מיין וואָרט אַריינגעצויגן מענשן אַז אויך זיי זאָלן צוטראָגן זייערע ציגעל און דערמאָנען די אַלע קדושים, אויך די פון אייגענעם משפחה־בוים. נאָך זיי האָט קיינער קיין קריעה ניט געריסן; איבער זייערע קברים האָט קיינער קיין קדיש ניט געזאָגט, ווייל אלע האָבן געהאָט דעם זעלבן גורל.

בין איך דאָרט איינער פון די פאַריתומטע געשטאַנען און קריעה געריסן און קדיש געזאָגט. און ס׳האָט זיך מיר פאַרוואָלט אזוי זיך אַ הויב טון אין די הויכקייטן און „אין איין שמע־ישראל״ קומען צו יענעם ווינקל און אַנשפארען זיך ביי אַן אָפּגעברענטער וואַנט פון טאַטע מאַמעס היים, אויך זיך גוט־גוט אויסוויינען ווי אַ קליין קינד, באַקלאָגן דעם חורבן פון וואָלין.

און אזוי טראַגסטו אין זיך די יסורים און דו וויינסט אין דער שטיל, ניטאָ קיין מצבה ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן און אויסוויינען זיך. זענט איר פאַר׳עקשנ׳טע יידן געקומען מיט אייער פאַר׳עקשנטן ווילן אויפצושטעלן מצבות ניט גלאַט אויף בית־עולמ׳ס אין דער גוישער וועלט, נאָר אַ מאָנומענט אין לאַנד פון אונזערע אבות.

און פאַר די וועלכע האָבן ספקות וויל איך דערציילן דאָס מעשה׳לע וואָס גייט ארום צווישן חסידים וועגן רבי׳ן אלימלך: אין שכנות מיט אים האָט געוווינט אַ ייד אַ קירזשנער אויכ׳ט מיטן נאָמען אלימלך, וועלכער האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט פאַר זיין שטיקעל ברויט. איינמאָל איז דער קירזשנער פון גרויס מידקייט אַנדרי־מלט געוואָרן, הערט דער רבי אלימלך דורך דער וואַנט ווי דעם קירזשנער׳ס ווייב וועקט דעם מאַן אירען און שרייט צו אים: „אלימלך, — אלימלך — פאַרריכט וואָס דו קענסט, כל זמן דאָס פייערל ברענט נאָך!״ האָבן אָט די ווערטער דעם רבי׳ן קיין רו ניט געגעבן און אים האָט זיך געדאַכט אַז ער הערט כסדר רופן: אלימלך! אלימלך! „פאַרריכט וואָס דו קענסט כל זמן דאָס פייערל ברענט נאָך!״

אויך מיר וואָלינער יידן, לאָמיר אויפטון כל זמן דאָס פייערל ברענט נאָך, ווייל ס׳קען נאָך חלילה אין גאַנצן אויסגעלאָשען ווערן.

**יוסף האניק**

# קינדער־שולעס פאראייביקן קהילות

מיר ציילן שוין דעם דריטן צענדליק יאָרן נאָך דער שרעקלעכער נאַצישער שחיטה איבער די ידישע קהילות אין אייראָפּע. נאָך שטייען אונדז פאַר די אויגן די שרעקלעכע געשפּענס־טער און עס איז שווער זיך צו טרייסטן. געוויין און טרערן זענען ניט בכוח אָראָפּצונעמען דעם שווערן שטיין פון הארצן. ס׳בענקט זיך נאָך אַ גרויסן, שטאַרקן אויסדרוק ווי עס פּאַסט פאַרן טיפן צער און גרויסן, גרויזאַמען אומגליק. ניט מיטן אויפשטעלן שטיינערנע מצבות, אויך ניט מיט שרייבן נייע קינות, נאָר עפּעס ווי „רחל באַוויינט אירע קינדער״, אַ וויי־געשריי ביזן הימל. האָבן מיר דאָך פאַרלוירן אונדזערע גרוי־סע גייסטער — רבנים, צדיקים, דיכטער, שריפט־שטעלער, קינסטלער, פאָרשער, עסקנים, סוח־רים, בעלי מלאכות או״ו או״ו. אַ מיליאָן אומ־שולדיקע קינדער!..

✶

קינדער. קינדער פון היינט. דער קומענדיקער דור. און באמת, מיר האָבן אָנגעהויבן („יד ושם״) אַן אַקציע איינצופלאַנצן אין די יוגנטלעכע הער־צער אין דער ראַם פון קינדער־שולן די אַלע מעשי־אָבות אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. מעשים פון אבות וועלכע זענען אזוי טראַגיש אַוועק פון אונדז.

דער הויפּט געדאַנק — דאָס פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אומגעקומענע קהילות דורך קינדער־שולן. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן, צוזאַמען מיט אָנפירער און לערער פון שולן, פאָלקס־שולן און גימנאַזיעס. יעדער שולע לע־רנט די געשיכטע פון אַ געוויסער קהילה. איר עקאָנאָמישע סטרוקטור, מנהגים, סאָציאַלע פאַ־נאַנדערטיילונג, פּערזענלעכקייטן, עסקנים, און אזוי ווייטער. שילער וועלן קומען אין קאָנטאַקט מיט די שרידים פון די קהילות, וועלכע וועלן זיי דערציילן וועגן זייער אַמאָליקן לעבן און ענטפערן אויף פאַרשידענע פראַגן. אויך וועלן זיי לערנען פון די פּנקסים, אַרויסגעגעבן דורך די שרידים פון די פאַרשידענע קהילות. שילער וועלן שרייבן חיבורים אויף פאַרשידענע טעמעס פון לעבן פון קהילות.

דאָס וועט ניט זיין קיין פאַראיבערגייענדיקע דערשיינונג, נאָר שטענדיקע לערע, וואָס וועט איבערגיין פון איין יאָר־גאַנג צום צווייטן. ביז איצט האָבן שוין דעקלארירט זייער מיטאַרבעט בערך פופציק שולן. מיט אַ הייליקן ציטער דעקלארירן שילער זייער אַפּהיטן דעם זכר פון

דער אומגעקומענער קהילה וועלכע איז געוואָרן „זייערע". דאָס איז נאָר אַן אָנהויב.

ס'איז ניטאָ קיין בעסערע פאראייביקונג פאר אַ קהילה ווי דאָס לערנען וועגן איר דורך קינדער אין שולן. די געשיכטע פון די קהילות. יעדער שטאָט — אַ „עיר ואם בישראל", צענטערס פון תורה און השכלה: וואַרשע, ווילנע, אָדעס, לעמבערג, קראָקע אאַ"וו. צענטערס פון פאַבריקאַציע און מלאכה, ווי לאָדזש, ביאַליסטאָק, גראָדנע, לאָמזשע, ראַדאָם. צענטערס פון חסידות קאַרעץ, פאַלאָנע, מעזשיריץ, אסטראָה, מעזשיבוזש, באַריסלאַוו א. א. אויב דאָס וועלן לערנען קינדער אין ישראל, פון אַלע עדות, אַן אונטערשיד, איז פאַראויסצוזען אַ גרויסן שכר.

דער „היכל ווהלין" וועט זיין אַ וויכטיקער און ווירקענדער פאַקטאָר צו דעם צוועק. דאָרט וועלן אונטערוויזן ווערן תלמידים קהילות־פאָרשטייער און וועלן אריינבליקן אין די ספרים, ארויסגעגעבענע דורך די קהילות־אָרגאַניזאַציעס. זיי וועלן לערנען היסטאָרישן־דאָקומענטאַרישן און מאַנומענטאַלן מאַטעריאַל וואָס וועט קאָנצענטרירט ווערן אין היכל און דאָס וועט אַ סך מיטהעלפן דער וויכטיקער שליחות.



שילערס וועלכע האָבן פאַראייביקט וואָלינער קהילות ביים זינגען „התקווה".

**מרדכי בונה (ביבער)**

* * *

ווען מיר האָבן געזאָגט מיטן מדרש תנחומא „בזכות בנים אבותיהם מתכבדים" (עלטערן ווערן געשעצט אין זייער קינדערס זכות) האָבן מיר קיינמאָל זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז עס וועט קומען אַ דור, וועלכער וועט אזוי מקיים זיין דעם פסוק.

מיר זענען אַ דור, וועלכער דאַרף איצט אויפשטעלן מצבות אויף קברים, וועלכע זענען נישטאָ, די פליכט פון כיבוד אב ואם זענען מיר מקיים מיט פיל קדושה, האַרץ־קלאַפעניש און יראת־הכבוד.

שוין אַ פּאָר יאָר, אַז תלמידים פון פאָלקסשולן נעמען אויף זיך אַ פליכט צו פאראייביקן קהילות, וועלכע זענען פארניכטעט געוואָרן אין וועלט־קריג. די קינדער לייענען די יזכור־ביכער און טרעפן זיך מיט דער שארית־הפליטה און

באשרייבן אין בראַשורן דאָס, וואָס זיי הערן אויף די צוזאַמענטרעפן און דאָס ווערט אָפּגעדרוקט דורך די בתי־ספר.

אַז דער „היכל וואָלין" וועט געעפנט ווערן, וועט ער זיין אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער אַרבעט. די קינדער וועלן זיך דאָרט טרעפן מיט די מענטשן, וועלכע וועלן זיי באשרייבן די פאַרגאנגענהייט און דאָרט וועט זיין אַ ספּעציעלע ביבליאָטעק אויף די טעמעס.

ביז היינט זענען שוין פאַראייביקט איבער 20 וואָלינער קהילות. לאָמיר צוזאמען כאַפּן אַ בליק אין די בראַשורן, וועלכע די שולן האָבן אַרויסגעגעבן.

בי"ס „ארנון" האָט פאַראייביקט זוויהיל (נאָוואָגראָד־וואָלינסק) און אזוי שרייבט דפנה פון כתה ח':

„מיליאָנען יידן זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט און פאַר דעם געפייניקט געוואָרן ביי די נאַצישע חיות. לויט מיין מיינונג טאָר מען עס נישט פאַרגעסן און איבערבעטן זיך מיט די דייטשן.

דאָס פאַראייביקן קהילות איז אַ גוט מיטל צום דערנענטערן זיך צו אונדזערע ברידער אין די גלות־לענדער. אויף אזא אופן וועלן מיר לערנען אָפּצושאַצן די גבורה פון די יידן".

בלהה ראָזענצווייג האָט דאָס אויסגעדריקט עלעגיש:

„מאַמע, מיר האָבן זיך נישט געזעגנט,
דער רעש פון ראַד איז דערווייטערט
ס'רוט דער רעוואָלווער,
וועלכער האָט דיך פון די לעבעדיקע
אָפּגענומען
און זיי האָבן מיך מיט כוח גענומען.
איך האָב דיר „שלום" נישט באַוויזן צו זאָגן
און דיר ווייזן, אַז דאָרט צווישן מיסט און בלעכן
וואַקסט אַ בלום גרויס און רויט!
— מאַמע, דו האָסט דאָך ליב בלומען...
פאַרוואָס ענטפערסטו נישט?!
— — — נעבן בלום אַ שמעטערלינג פליט
איך האָב געוואָלט דיר ווייזן — אָבער
„פאַרוועטס"!
האָט „דער אין די שטיוול" געשריגן
„דער אין די שטיוול" האָט צעטראָטן די
רויטע בלום,
דער שמעטערלינג גאָיז אַוועקגעפלויגן.
מאַמע, מיר האָבן זיך נישט געזעגנט!

זהבה פון בי"ס „ביאַליק" דערציילט:

„נישט איינמאָל האָבן מיר זיך אנטוישט אין אונדזער וועג, אבער מיטן כוח פון התלהבות און אַדאנק דעם ווילן מצליח צו זיין, האָבן מיר פאַרגעזעצט. זייער פיל האָבן מיר געלערנט פון דער ארבעט. איצט האָבן מיר זיך באקענט מיטן לעבן פון די יידן אין גלות. איצט ווייסן מיר אויך, וואָס זיי האָבן געשאַפן, וואָס זיי האָבן געחלומט, זייערע שטרעבונגען און ווילן. דאָס שטעטל, וואָס מיר פאַראייביקן, איז אַ טיפּיש שטעטל — איינס פון אַ סך, וועלכע זענען פאַרניכטעט געוואָרן".

אין „ניבים", די צייטונג פון בי"ס „סביון־גני יהודה" געפינען מיר די דאָזיקע דעקלעראַציע: „ראָוונער טייערע פריינט! פון אונדזערע לערער האָבן מיר געלערנט דעם וועג פון יסורים, וועלכן עס האָבן דורכגעמאכט די קדושים. מיר דריקן אויס אונדזער ווילן צו פאַראייביקן דעם הייליקן אָנדעק פון אייער קהילה. דעם אָנדענק פון אייערע עלטערן, ברידער און קינדער, צו פאַראייביקן די שעפערישע כוחות און אַלץ, וואָס איז געשאפן געוואָרן אין ראָוונע".

אין דער זעלבער צייטונג, וואס איז דערשינען צום 25־טן יאָרצייט פון ראָוונער יידנטום, שרייבט נעה:

„הלוואי זאָל דאָס פאלק נישט פאַרגעסן זיינע זין און טעכטער, וועלכע זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן. זיי האָבן נישט געזינדיקט, און מיר האָבן זיי דערוואַרט, אז זיי זאָלן קומען און צוזאמען מיט אונדז בויען די מדינה".

אזוי שרייבן קינדער צענדליקער און הונדערטער. דאָס איז דער וועג צו שטעלן מצבות, לעבעדיקע מצבות פאַר אַלע הייליקע קהילות.

**אברהם גל**

# געסט פון אויסלאנד

אין מאי ד. י. האָט באַזוכט ישראל אַ גרופּע עסקנים פון דער פעדעראַציע פון וואָלינער יידן אין אַמעריקע, אין וועלכער עס זענען געווען פאַרגעשטעלט דער פּרעזידענט מר׳ ג. פּירער, מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע ה״ה מאיר טובלין און א. גאָפּטער מיט זייערע פרויען. דער וועלט פאַרבאַנד אין ישראל האָט אויפגענומען האַרציק די געסט צוזאַמען מיט מר׳ לינדער פון פּיטסבורג, מר׳ פילץ פון ניו־יאָרק, מר׳ ווערבא פון אַרגענטינע, מר׳ גינזבורג פון ניו־יאָרק, א. א. די פייערלעכע אויפנאַמע איז פאַרגעקומען אין דעם ניטאַרויסגעענדיקטן בנין פון „היכל וואָלין" ביי דעם אנטייל פון מייער פון גבעתיים, אנגעזעענע געסט, עסקנים און קינדער פון 4 שולן, וועלכע האָבן פאַראייביקט וואָלינער קהילות.

אַ צווייטע אָפיציעלע אויפנאַמע איז איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד געסט און עסקנים אין אַ זאל אין תל־אביב. די 2 באַגעגנישן זענען אריבער מיט הצלחה און איבערגעלאָזן זייער אַ גוטן איינדרוק אין זכרון פון אלע אנוועזענדע.

נאָך דעם 6 טעגיק נצחונות קריג, האָבן באַזוכט דעם איגוד און דעם „היכל וואָלין" די שפּענדער־געסט מר׳ אברהם גודמאַן פון ניו־יאָרק מיט זיין פרוי, ה׳ א. ווערבא און פרוי פון פראַנקרייך, פאָרזיצער פון וואָלינער קאָמיטעט אין פּאַריז, און ה׳ יוסף וויינגאַרטן, מיטגליד פון זעלבן קאָמיטעט מיט זיין פרוי. אַלע געסט האָבן באַוואונדערט דעם „היכל וואָלין" און צוגעזאָגט פאָרזעצן זייער אַקטיווע טעטיקייט צו זיין ארויסענדיקונג. די לעצטע געסט אין אויגוסט ד. י. זענען געווען ה״ה יחיאל דובעקירער און משה דוד בעל פון דער פאַרוואַלטונג פעדעראַציע אין אַמעריקע, מיט זערע פרויען, וועלכע האָבן באַזוכט ישראל נאָך דעם נצחון־קריג.



ערשטער צוזאַמענקונפט פון וואָלינער עסקנים אין ניט פערענדיקטער הויז פון „היכל וואָלין"

# קהילות

## זשיטאָמיר ווערט באַהערשט דורך די פּאָליאַקן

מיטן פאַרלאָזן זשיטאָמיר דורך דעם פעטליורע־מיליטער („די גאַליטשאַנער״), אָנהויב הארבסט 1919, האָט זיך דערמיט פאַרענדיקט די הערשאַפט פון פעטליורען אין זשיטאָמיר און אין דער סביבה. פעטליורישע באַנדעס האָבן נאָך פאַרגעזעצט אַ געוויסע צייט זייערע אָנפאַלן אויף די וועגן און אין די דערפער.

איצט האָבן זיך אָנגעהויבן די שלאַכטן מיטן פוילישן מיליטער, וואָס איז אַריינגעדרונגען קיין וואָלין פון גאַליציע. אין די ווינטער־מאָנאַטן פון 1920 האָט מען געזען לייכט־פאַרווונדעטע זעלנער פון דער רויטער ארמיי, אויף דעם וועג פון זוויהיל, וועלכע זענען געפירט געוואָרן אין פויערישע וואָגנס צו די שפּיטאָלן קיין זשיטאָמיר. ס׳האָבן זיך פארשפרייט קלאַנגען, אז דאָס פוילישע מיליטער דערנענטערט זיך לאנגזאם צו זשיטאָמיר.

סוף ווינטער און אָנהויב פרילינג 1920, האָבן זיך באַוויזן אין די הימלען פון זשיטאָמיר פוילישע עראָפּלאנען, וואָס האָבן פון צייט צו צייט צעשפרייט פראָקלאַמאציעס צו דער באַפעלקערונג און אויך צו די רויטארמייער, אז זייער ציל איז אומצוקערן געוויסע געביטן אין אוקראַינע, וואָס האָבן געהערט אַמאָל צו פוילן און וועלכע די גענעראַלן פון דער קייסערין יעקאַטערינא די גרויסע האָבן באַהערשט אין סוף פון 18־טן יאָרהונדערט. איין עראָפּלאַן איז געוואָרן אַראָפּגעשאָסן אין זשיטאָמירער געגנט און די 2 פּילאָטן זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. די סאָוויעטישע זשיטאָמירער צייטונג האָט געמאָלדן, אז זיי זענען געשטעלט געוואָרן צום געריכט, פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און דערשאָסן געוואָרן.

איך געדענק אויך אַ פאַל, אז אין איינעם פון די ווינטער־מאָנאַטן האָט מען געזען אויף דעם וועג, גאָר נאָענט צו זשיטאָמיר, אַ פוילישן פּאַטרול פון רייטער. דער זשיטאָמירער גאַרניזאָן האָט זיך דערשראָקן און זיך געגרייט צו פאַרטיידיקן די שטאָט. זיי האָבן אוועקגעשטעלט מאַשין־געווער אויף דעם טורעם פון דעם קלויסטער אין צענטער פון שטאָט. צומאָרגנס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס איז געווען אַן אומזיסטע שרעק און דאָס מאַשין־געווער איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון קלויסטער.

דער פראָנט האָט זיך פונדעסטוועגן יאָ דערנענטערט צו זשיטאָמיר, אין די טעג פון פסח זענען געפלויגן פוילישע עראָפּלאנען, באַשאָסן פון מאַשין־געווער דעם וועג, וואָס פירט פון זוויהיל קיין זשיטאָמיר, אויף וועלכן עס זענען געפאָרן טיילן פון דער רויטער ארמיי, וואָס זענען אָפּגעטראָטן פון פראָנט. אין שטאָט האָט מען געשמועסט, אז אינגיכן וועט אַריינדרינגען דאָס פוילישע מיליטער. גלייך נאָך פסח איז זשיטאָמיר באַהערט געוואָרן דורך די פוילישע מיליטער־כוחות. נאָך אַ קורצער שלאַכט הינטער דער שטאָט, זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט פיל רויטאַרמייער. צווישן זיי זענען אויך געווען כינעזער, וועלכן האָבן אין יענער צייט געדינט אין דער רויטער ארמיי.

דאָס פוילישע מיליטער איז געווען גוט באַוואָפנט מיטן געווער, וואָס די „אנטאנט״ האָט זיי געגעבן, און אויך גוט געקליידט. נאָכן איינגעמען זשיטאָמיר, איז אין שטאָט געבליבן בלויז אַ גאַרניזאָן און דאָס איבעריקע מיליטער איז אַוועק באַהערשן קיעוו.

אין די ערשטע טעג נאָכן איינגעמען די שטאָט, האָבן די יידן אין זשיטאָמיר אָנגעהויבן ליידן פון דעם איזדיעקעווען זיך פון די פוילישע זעלנער און אָפיצירן פון גענעראַל האַלער — „האַלערטשיקעס״, ווי מ׳האָט זיי גערופן. זיי פלעגן כאַפּן יידן און מיט באַגנעטן אָפּשניידן זיי די בערד און דערביי לאַכן מיט אַ ווילדן געלעכטער. עס זענען געווען פאַלן, ווען זיי האָבן געצוווּנגען די יידן צו טאַנצן „מה יפית״ אין מיטן

גאס. אין שטאָט זענען געקלעפּט געוואָרן קאריקאַטורן, וועלכע האָבן געשילדערט טראַצקין, פון וועמענס הענט עס טריפט דאָס בלוט פון זיינע קרבנות.

פאַר דעם פייערן דעם טאָג פון דער פּוילישער קאָנסטיטוציע, דעם דריטן מאַי, זענען אין שטאָט אויסגיקלעפּט געוואָרן אויפרופן, געווענדעט צו אלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס מיט אַ פאַרשלאַג אנטיילצונעמען אין דעם חשובן יום־טוב צוזאמען מיט דעם פּוילישן מיליטער. דעם דריטן מאַי פאַר מיטאָג איז פאַרגעקומען אַ דעפילאַדע נעבן דעם קאַשטשאָל, וואָס געפינט זיך אויף קאַטעדראַלנער גאַס. פאַר דעם אריינגאַנג אין קאַשטשאָל האָב איך געזען דעם גענעראַל רידז־שמיגלי.

אין אַ קורצער צייט נאָך דעם איינגעמען זשיטאָמיר, האָבן די פּאָליאַקן פאַרכאַפּט אויך קיעוו. דאָרט, נעבן דניעפּר האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און זענען נישט געגאַנגען ווייטער.

דערווייל האָט זיך אָרגאַניזירט אין רוסלאַנד די „ערשטע קאַוואַלערישע אַרמיי" אונטער דער אָנפירונג פון בודיאָני. „די ערשטע קאַוואַלערישע אַרמיי" איז באַשטאַנען פון קובאַנער קאָזאַקן. זיי האָבן זיך דערנענטערט צום פּוילישן פראָנט. לויט דעם פּלאַן פון גענעראַל ברוסילאָוו, זענען אריינגעדרונגען אין „רוקן" פון דער „פּוילישער אַרמיי קליינע טיילן רייטערס פון בודיאָניס אַרמיי און דורך דעם געשאַפן אַ פּאַניק צווישן די פּוילישע זעלנער.

אַ קליינער קאַוואַלערישע טייל האָט זיך אריינגעריסן קיין זשיטאָמיר און באַהערשט די שטאָט, בלויז אויף איניקע שעה. דער פּוילישער גאַרניזאָן איז אַנטלאָפן אין שרעק, ווער צופוס און ווער — פאָרנדיק קיין זוויהיל, פירנדיק מיט זיך געפאַנגענע רויטאַרמייער. די בודיאָנישע רייטער האָבן זיך נאָכגעיאָגט נאָך זיי מיט אַ געשריי „גיב וואַרשע". די פּאָליאַקן האָבן פאַרלאָזט די געפאַנגענע און די בודיאָנישע רייטער האָבן זיי באַפרייט.

פאַרנאַכט האָבן די „רויטע" פאַרלאָזט זשיטאָמיר און די שטאָט איז געבליבן אָן אַ מאַכט. צומאָרגנס איז דורכגעפאָרן די שטאָט פּויליש מיליטער, וואָס האָט זיך צוריקגעצויגן פון קיעוו, וואָס איז נאָך געווען אין די הענט פון די פּאָליאַקן, און האָבן געפונען זשיטאָמיר פאַרלאָזט. זיי האָבן גערופן צוריק דעם פּוילישן גאַרניזאָן. ווען דער גאַרניזאָן האָט זיך אומגעקערט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם אויף יידן. צענדליקער יידן, צווישן זיי אויך יונגעלייט, זענען גענומען געוואָרן פון די הייזער, געבראַכט געוואָרן צו דעם שלאַכט־הויז אויף „סענאיא־פּלאַשטשאַד" און דערמאָרדעט געוואָרן אין הויף. מ'האָט אויך גערויבט יידישע הייזער. אין פּאָגראָם האָבן גענומען אנטייל בלויז פּוילישע זעלנער. די ציווילע קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט מורא געהאַט אנטיילצונעמען.

דאָס אכזריות האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע, ווען דאָס פּוילישע מיליטער האָט געבראַכט אַ ציסטערנע מיט בענזין, באַגאָסן אַ גרויס הויז — „קוניכאָווסקיס הויז", וואָס איז געווען באַזעצט בלויז דורך יידן, און עס אונטערגעצונדן. דאָס הויז האָט זיך געגרענעצט מיט דעם קאַשטשאָל. אַ טייל פון די איינוווינער האָבן זיך געראַטעוועט דורך דעם, וואָס זיי זענען אַראָפּגעשפּרונגען אין דעם גאָרטן פון דעם קאַשטשאָל. עס איז כדאי צו באַמערקן, אז די גערטנער און די היטערס פון קאַשטשאָל האָבן זיי אויסבאַהאַלטן, אפשר אויס פחד פאַר נקמה, ווען די רויטע אַרמיי וועט זיך אומקערן. אַ טייל פון די עלטערן האָבן געוואָרפן די קינדער דורך די פענצטער, כדי צו ראַטעווען זיי פון פייער. אָבער די פּוילישע זעלנער האָבן זיי דערשטאָכן צום טויט מיט זייערע באַגנעטן. פיל פון די יידישע איינוווינער זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט.

דער פּאָגראָם האָט געדויערט 2—3 טעג, ביז דאָס פּוילישע מיליטער האָט זיך אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון קיעוו. ווען די שטאָט איז פאַרלאָזט געוואָרן פון פּוילישן מיליטער, זענען אריין די בודיאָנאָווצעס. דאָ, אין זשיטאָמיר האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט אויפסניי צו זייער ווייטערדיקן מאַרש קיין גאַליציע און וואַרשע. נאָך איינעקע מאָנאַטן פון מאַרשירן פאָרויס, זענען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די פּאָליאַקן נעבען

ווייסל און האָבן געליטן אַ מפלה פון דעם פּוילי־שן מיליטער, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט. די פּאַליאַקן האָבן דאָס גערופן „דער נס אויפן ווייסל". טיילווייז האָט גורם געווען דערצו דער פּאַל, וואָס אַ טייל פון דער רויטער אַרמיי האָט זיך טועה געווען און איבערגעגאַנגען די דייטשע גרענעץ אין מזרח־פּרייסן און זיי זענען אַנט־וואָפנט געוואָרן דורך די דייטשן.

דאָס רויטע מיליטער האָט גענומען לויפן צו־ריק און דאָס פּוילישע מיליטער האָט זיך נאָכגע־יאָגט נאָך זיי. די פּאַליאַקן זענען נאָכאַמאָל אַריינגעדרונגען קיין וואָלין און זיך דערנענ־טערט צו זשיטאָמיר. דערווייל איז אָפּגעמאַכט געוואָרן דער „ריגער פּאַקט", לויט וועלכן האַלב וואָלין דאַרף געהערן צו פּוילן און די צווייטע העלפט, צוזאַמען מיט זשיטאָמיר — צו די סאָוויעטן.

פון דאַן ביזן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, ביז עס האָט אַריינמאַרשירט היטלערס אַרמיי, האָט זשיטאָמיר געהערט צו דער ראַטנ־מאַכט. די מאַכט האָט זיך פּאַרפּעסטיקט און ס'איז איינגעפירט געוואָרן אַ נייע אָרדענונג, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן פון זשי־טאָמירער יידן, אַלס אַ טייל פון אַלגעמיינעם סאָוויעטישן יידנטום.

**יוסף טאַבאַטשניק**

# די יידן אין ראָוונער שטאָט־ראַט

(דערינערונגען וועגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ראָוונע).

די באַמת דעמאָקראַטישע וואַלן צו די שטאָט־ראַטן אין פּוילן זענען פאָרגעקומען אין די יאָרן 1927 — 1928. די שטעט און שטעטלעך אויף וואָלין האָבן אַלס כלל געהאַט אַ יידישע מער־הייט. לויט די אָפיציעלע סטאַטיסטישע ידיעות פון יענע יאָרן, האָט די באַפעלקערונג אין ראָוונע געציילט איבער זעכציק טויזנט נפשות. אין ראָוונער מאַגיסטראַט איז געווען אָנגענומען, אַז יידן באַטרעפן אַרום 75% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, דאָס האָט געמיינט, אַז די צאָל יידן אין ראָוונע האָט באַטראָפן אַרום 45 טויזנט.

ראָוונע האָט געשמט מיט איר רייכן, פּילזייטיקן, יידישן, פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַלע פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס אין פּוילן זענען געווען טעטיק אין ראָוונע. צו די שטאָט־ראַט וואַלן אין דערמאָנטן פּעריאָד האָבן זיך געשטעלט אַלע עקזיסטירנדע פּאַרטייען, עס איז געפירט געוואָרן אַן עפּטיקער צווישנפּאַרטייאי־שער קאַמף, עס זענען געשאַפן געוואָרן וואַל־בלאָקן, עס זענען געווען אויך א. ג. ווילדע ליס־טעס, פון איינצעלנע פּערזאָנען, אַ קאַמף איז אויך פאָרגעקומען אין די רייען פון דער ראָוו־נער אַרבעטער באַוועגונג, באַזונדער האָבן אַרויסגעשטעלט אַ ליסטע די קאָמוניסטן, א. נ. „די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען", אייגנטלעך האָט דאָס געמיינט די יידישע קאָמוניסטן, כאָטש אויף זייער ליסטע האָט אויבן ערשטן אָרט פיגורירט אַ פּאַליאַק, אַ צווייטע ליסטע: „בונד און די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען".

אין די וואַלן האָבן זיך באַטייליקט די פּאַ־ליאַקן, רוסן און אוקראַינער. ס'איז כדאי דערמאָנען, אַז פּאַליאַקן אויף וואָלין האָבן גע־ציילט נישט מער ווי 7% פון דער גאַנצער באַ־פעלקערונג.

אויף דער יידישער גאַס האָט אַ גרעסערע צאָל ראַטמענער דורכגעפירט דער „ציוניסטישער בלאָק" מיט אַ צאָל פּראָמינענטע געזעלשאַפט־לעכע טוער. ראַטמענער האָבן דורכגעפירט די קליינהענדלער, אויך די האַנטווערקער, וועלכע זענען געגאַנגען באַזונדער צו די וואַלן. די ליס־טעס פון די קאָמוניסטן און בונד האָבן דורכגע־פירט צו צווי, צוזאַמען פיר ראַטמענער. גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין שטאָט־ראַט האָבן יידן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מערהייט, און עס וואָלט געווען גאַנץ נאַטירלעך און נאָרמאַל, אַז אַ ייד זאָל אויך אויסגעוויילט ווערן ווי דער שטאָט

פרעזידענט, דאָס וואָלט אָבער נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אַנטיסעמיטיזם ביי די ארומיקע ניט יידן, און די העכערע מאַכט־אָרגאַנען וואָלטן שוין געפונען מיטלען ווי אַזוי פסל׳ן די וואַלן. אַזאַ סיטואַציע איז געווען אין פיל אַנדערע שטעט אין פוילן. ווי אומעטום, האָבן די יידן אין ראָוונע, ניט פּרעטענדירט אויף דעם אַמט פון שטאָט פּרעזידענט, און געשטיצט די קאַנדידאַטור פון פּאָליאַק. אין דער שטאָט־פּאַרוואַלטונג אָבער, ס׳הייסט אין מאַגיסטראַט, איז אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ וויצע שטאָט פּרעזידענט דער ייד, אינזשעניר אברהם קאַנעוויטש.

אַ דאַנק די כוחות פאַרהעלטעניש אין צוזאַמענשטעל פון שטאָט־ראַט האָט זיך געשאַפן אויך אַ מעגלעכקייט פון אויסוויילן אַ יידן פאַר אַ לאַווניק (אַ מיטגליד אין מאַגיסטראַט). עס איז געשאַפן געוואָ־ן אַ בלאָק פון ביידע אַרבעטער ליסטעס, צו דעם בלאָק איז צוגעשטאַנען דער ראַטמאַן פון דער ליסטע פון „לאָקאַטאָרן (שכנים) פאַריין״—שמחה פּלאָט, דער דירעקטאָר פון דער יידישער פּאָלקס־באַנק, וועלכער לעבט לעצטענס אין באָסטאָן. מיט דער שטיצע פון די האַנטווערקער און קליינהענדלער, וואָרשיינלעך אויך, מיט אייניקע שטימען פון ציוניסטישן בלאָק, איז אַלס לאַווניק אויסגעוויילט געוואָרן דער בונדיסט זלמן גארין. מיט דעם האָט זיך במילא פאַרגרעסערט מיט איין ראַטמאַן די אַרבעטער פראַקציע, וועמענס ערשטער קאַנדידאַט איז געווען מרדכי נעכעס פון בונד.

גאַנץ נאַטירלעך, אַז אויפן באַדן פון ראָוונער שטאָט־ראַט, ביים באַהאַנדלען ריין שטאָטישע פראָבלעמען, זענען אָפט געקומען צום אויסדרוק, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין לאַנד, די באַציונג צו די יידן א. א.

מ׳דאַרף פעסטשטעלן, אַז די האַנדלונגען פון די יידן, פאַרשטייער פון אַלע ריכטונגען סיי אין שטאָט־ראַט, אויך אין מאַגיסטראַט, זענען אַלעמאָל געווען אויף אַ ניוואָ אין פאַרטיידיקן די יידישע אינטערעסן, דעם יידישן כבוד. די טאָג טעגלעכע אינטערווענצן פון די יידישע ראַטמענער אין ענינים פון איינצעלנע יידישע בירגער האָט אָסאַך פאַרלייכטערט די שטייערן און אַנדערע פּראָבלעמען פון פיל יחידים. צווישן די ראַטמענער האָבן זיך מיט דער צייט אויסגעטיילט זאַכקענער אויף פאַרשידענע געביטן פון שטאָט ווירטשאַפט.

ס׳איז ראוי ביי דער געלעגענהייט אויסטיילן נעמען פון אייניקע כאַראַקטעריסטישע טוער פון ראָוונער שטאָט־ראַט. אָבער די לעצמע פאַר יאָר ערב דער מלחמה, ווען איך בין צוליב פּאָליטישע זינד אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ראָוונע, די איבערלעבונגען אין די מלחמה און נאָכמלחמה יאָרן, האָבן אויסגעשלאָסן פון זכרון אַסאַך נעמען. איך וועל דאָך דערמאָנען נאָר אייניקע: אייזיק בריק, אַ פּראָמינענטער ציוניסטישער טוער. צוויי אייגנהאַרטיקע טוער, וואָלקע זיבעס, אַריין אין שטאָט־ראַט אויף אַ ליסטע פון דער וואָליאַנער לינת הצדק, איינער פון די לעצטע פון דער ראָוונער אַריסטאָקראַטיע — זוסיה בראָקער, אויך מרדכי נעכעס, דער זאַכקענער פון שטאָטישן בודזשעט.

די ראָוונער פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן אויסגעטיילט צוויי טוער בכדי מיטאַרבעטן מיט דער אַרבעטער פּראַקציע אין שטאָט־ראַט, דאָס זענען געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פון די יידישע קאָמוניסטן — ברוך גאַלפּערין, און דער שרייבער פון די שורות. ברוך גאַלפּערין איז שפּעטער פאַרמשפט געוואָרן אויף 8 יאָר טורמע, געניסנדיק פון דער אַמנעסטיע, איז ער אַפּגעזעסן נאָר 6 יאָר. אין די מלחמה יאָרן געשטאָרבן פון הונגער אין אַ קאָלכאָז אין רוסלאַנד. איינער פון די קאָמוניסטישע ראַטמענער מרדכי (מיטיע) שניידער, איז אויך אָפּגעזעסן אָן אורטייל פון 4 יאָר, אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ראָוונע, געלעבט אין לוצק פאַר דער מלחמה און דאָרט געשטאָרבן.

---

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, פון דער א. ג. סאַנאַציע הערשאַפט אין פוילן, זענען די דעמאָקראַטישע געזעצן פאַר די שטאָט־ראַטן געוואָרן שטאַרק איינגעשרומפּן, דאָס האָט זיך אויך במילא אָפּגערופן אויף דער יידישער רעפּרעזענטאַנץ.

**שייע שיכאַטאָוו**

# טאַרטשין

אין מיין זכרון שווימט אויף טאַרטשין, — מיין געבורט שטעטעלע: ארומגערינגלט מיט וועלדער און רחבות'דיקע תבואה פעלדער; ביים ראַנד פון שטעטל אַ קיילעכדיקע, טיפע אָזערע דער ליין; אַ לאַנגער, לאַנגער שאָסיי, וועלכער פירט פון איין זייט קיין לוצק און פון דער גאַנץ אנדערער זייט — צו דער פאַרנעפּלטער, „פרעמדער" שטאָט, שוין נענטער צו פוילן — לודמיר. לענג־אויס דעם לאַנגן שטיינערנעם שאָסיי — די פאַרשטאָט; און טיילווייז אין דעם באַרגאַראָפּיקן טאָל — די שטאָט. אַ רייע קראָמען, אויסשליסלעך ידישע, האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דער פאַרשטאָט, ארום דעם קלויסטער און דעם מאַרק־רינג, אין אַ ברייטן האַלבן קרייז. ווי אַ פאַרזעצונג האָבן זיך געצויגן קראָמען און קרעמלעך ווייט אַראָפּ אין שטאָט אריין, ווו ס'איז געווען דער מארק און דער קאַטוילישער קאָשטשאָל. באקאַליי און שניט, לעדערוואַרג און אייזן, גאַלאַנטעריי און שפּייז, אלץ איז דאָרט געווען בשפע. לענג אויס דעם שאָסיי זענען געשטאַנען ביי אַ צענדליק קוזניעס וועלכע האָבן טאָגטעגלעך אויסגעקלאַפּט דעם ספּעציפישן מוזיקאַלישן געקלימפּער פון האַמער און קאָוואַדלע, אויף הייס צעגליטן אייזן, און באַלעבט דעם ארום.

ידן זענען געווען די מערהייט אין שטעטל. די גויים, מעשטשאַנעס, זענען געווען קאָנצענטרירט אין די זייטיקע געסלעך מיט פאַרגרויזטע גערטנער ארום די הייזער, מיט הינט און מיט אייביק זיך נאָרענדיקע חזירים אין די בלאָטיקע וועגן און הויפן. ידן פון אלע שיכטן זענען געווען אין שטעטל: תבואה סוחרים, אייער הענדלער, קרעמערס און באַלמעלאָכעס. אינסטיטוציעס זענען געווען אין שטעטל פאַר אלע רעליגיעזע הצטרכותן, ווי איינגעוואַקסן אין יחיד'ס און אין קהלישן לעבן. שולן און בתי־מדרשים, גרויסע און קליינע, פון כלערליי חסידישע שיטות: טריסקער, אָליקער, קאַרלינער, לויצקער סכיזשער א.א. אן עפנטלעכע באָד מיט אַ מקוה. רבנים, דיינים, שוחטים, חזנים און מלמדים האָבן באַדינט קהל. חדרים, פון אלע מדרגות, האָבן אַ גאַנץ יאָר אריינגעקנעלט און „דערצויגן" די קינדער, צו גאָט און צו לייט.

זענען אָבער אָנגעקומען נייע צייטן. אין ידישן לעבן האָבן אָנגעהויבן אריינדרינגען נייע, מאָדערנע שטרעמונגען. אין שטעטל פאַרמירט זיך אויס אַ קרייז פון ידישער אינטעליגענץ, וועלטלעכקייט ווערט באַגלייט מיט קולטור דערציערישער טעטיקייט. מאָדערנע ליטעראַטור, אלגעמיינע און ידישע, פּאָליטישע אידייען, נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע, וויסן און אויפקלערונג, דרינגען אריין אין די מוחות און הערצער פון דער אויטאָדידאַקטישער יוגנט. עס שאַפט זיך אַ דראַמאַטישער קרייז, אַ ביבליאָטעק, ס'ווערט געפירט אַ סיסטעמאַטישע קולטור־ליטעראַרישע אַרבעט אויף ידיש. ד"ר ביילין ברעכט דורך די וואַנט פון רעליגיעזער חדר־דערציונג, גרינדנדיק אַ מאָדערנע, קאָמפּלעטע, אכט־קלאַסיקע, ידיש־רוסישע שול, פון דער חברה „מפיצי־השכלה" — די איינציקע אין וואָלין, מיט אַ מאָדערנעם וועלטלעכן פּראָגראַם. ס'וואַקסן אויס אידעאַליסטישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע ווערן שפּעטער טעטיק אין דער חלוצישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ד"ר ביילין גרינדעט אויך אַ ליי און שפּאָר־קאַסע, — אַ זייער נוצלעכע אינסטיטוציע פאַר דער האַרעפּאַשנער און קליינהענדלערישער באַפעלקערונג פון שטעטל, איבערהויפּט.

דער חורבן וואָס די מלחמה־יאָרן 1914—1917 האָבן גורם געווען דעם שטעטל: שריפות און חורבנות, נויט און עלנט, האָבן געלייגט אַ שווערן חותם אויף די פאַרבליבענע, אָדער טיילווייז צוריקגעקערטע ידן פון די מלחמה עוואַקואַציעס.

אָבער דער יצר־הקיום דערוועקט פרישע כוחות ביי די אָנגעליטענע און פאַראָרעמטע; דאָס שטעטל בויט זיך אויפסניי אויף. ס'עפנט זיך אַ ידיש־וועלטלעכע שול, ס'אָרגאַניזירן זיך אויפסניי די נאַציאָנאַלע ווי אויך סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. די רוסישע רעוואָלו־

ציע פון 1917 דערוועקט נייע האָפענונגען און נייע אילוזיעס, פון אַ בעסער, שענער און פרייער לעבן. די ידישע־אַמעריקאַנישע מאַטעריעלע הילף פאַרלייכטערט אין אַ געוויסער מאָס די שווערע מאַטעריעלע לאַגע.

טאַרטשין לעבט איבער כלערליי אינוואַזיעס און פּאָגראָמען. צום סוף ווערט דאָס שטעטל פּאַראייניקט מיט פּוילן. די עפּאָכע פון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן, אונטער דער פּוילישער הערשאַפט איז אַן אַקטיוו־שעפערישע: שולן און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, דראַמקרייזן און ביבליאָטעקן, ידישיסטן און העברעאיסטן, אאַ״וו אאַ״וו.

דעם גורל פון אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים האָבן געטיילט אויך די טאַרטשינער ידן. אונדזערע ברידער און שוועסטער, טאַטעס און מאַמעס. איין פאַקט, איין טרייסטנדיקע דערשיינונג דאַרף פאַרצייכנט ווערן לדורות — די לאַנדסמאַנשאַפט פון די טאַרטשינער אין ניו־יאָרק וועלכע האַלט אויף העל און ליכטיק דאָס פייער פון ליבשאַפט, פון ברידערלעכקייט צו די ברידער און שוועסטער, די טאַרטשינער. די אייביקע נאָסטאַלגיע צום ליבן שטעטל לעבט אין אַלעמענס הערצער. דאָס איז ווי לייכט־טורעם אָנצוהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט, אינטימע פאַמיליאַרישקייט צווישן אַלע לאַנדסלייט, צעשפּרייטע איבער דער גאָרער וועלט. לאָמיר האָפן, אַז די געפילן וועלן ווייטער זיין אַ קוואַל ניט בלויז פון שטעטלשער נאָר פון אַלגעמיין ידישער אידענטיפיקאַציע, ביי זיי און ביי זייערע קינדער — לדור דורות.

ריאָ דע־זשאַניירא

**אברהם אייזנגאַרט**

# דאָס שטעטל דרושקאָפּאָל

ידן האָבן עס גערופן דרושקאָפּאָליע. עס איז געווען אַ קליין שטעטל צווישן אַנדערע ספּעציפישע וואָלינער שטעטלאַך אין האַראַכאָוועער פּאָוויאַט (אין דער ניט־לאַנגער פאַרגאַנגענהייט געהערט צו לודמירער אויעזד, אויף וואָלין). דאָס שטעטל איז געווען אין דער געגנט וואָס מ׳האָט גערופן זשוראַווניק נאָנט צו דער גאַליצישער גרעניץ. ידן זענען געווען די הויפּט־איינוווינער פונם שטעטל און צוריק מיט 100 יאָר, בערך, האָט עס געציילט אַרום 600—700 ידן, ווען צאָל האָט זיך פאַרגרעסערט ביז 1000, בערך, און אונדזער תקופה (פאַר דער דייטשער אָקופּאַציע אין 1940 — 1943), טראָץ דעם וואָס פיל ידן האָבן פאַרלאָזן דרושקאָפּאָל, צוליב פאַרשידענע סיבות.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די ידן אין שטעטל איז געווען אַ ניט באַשטימטע, אַמיינסטן זענען די ידן געווען אָן פּרנסה, וואָס ס׳האָט גורם געווען צו איבערגיין פון דרושקאָפּאָל אין אַנדערע ישובים אָדער עמיגרירן, אויסער געציילטע מער־ווייניקער פאַרמעגלעכע משפּחות.

די דרושקאָפּאָלער ידישע באַפעלקערונג האָט אין יענע צייטן געלעבט אויף אַ נידריקן געזעלשאַפטלעכן שטאַפּל ביז דער רוסישער רעוואָלוציע. נאָכדעם, ווען ס׳איז קענטיק געוואָרן אַן אויפוואַכונג און באַוועגונג אויף דער ידישער גאַס אין די נאָהענטסטע צו דרושקאָפּאָל שטעט (לוצק, לודמיר און אַנד׳ אין די רוסישע גרענעצן, און פון גאַליצישע שטעט), האָט אָנגעהויבן פּראָגרעסירן אויך אונזער שטעטעלע, וואָס איז געווען 90% אַ חסידישע און געפירט זיך אויפן חסידישן שטייגער בכלל.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אויפגעוואַקסן אין דרושקאָפּאָל אַן אידעאַליסטישער יוגנט, וועלכע האָט מיט דער צייט דורכגעדרונגען געוואָרן מיט שטרעבונגען און חלומות צו ענדערן די שטימונג און דעם לעבנס־גאַנג וואָס האָט געהערשט אין דער פאַרגאַנגענהייט און זיך דערנענטערן צום כלל ישראל פון די נייע צייטן און צו די שטרעבונגען פון די נייע צייטן. עס האָבן זיך געבילדעט יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג צו

וועלכע דער רוב יוגנט האָט זיך געצויגן און באאיינפלוסט געוואָרן, געפינענדיק אַ קוואַל פאַר דערציאונג און קולטור. פיל פון דעם דור און איבערהויפּט די קינדער האָבן זיך גענומען לערנען עברית און זיך דערנענטערט צו די אוצרות פון ידישן קולטור. ס'איז געגרינדעט געוואָרן אין שטעטל אַ „תרבות"-שולע, אַ שטאָט-ביבליאָטעק און אנדערע קולטור-אונטערנעמונגען. די חסידישע עלטערן האָבן לאנגזאם צוגעשטימט, אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען אין דער העברעאישער שולע און טראַכטן וועגן עולה זיין קיין ארץ-ישראל און אויך פאָרן אין קיבוצי-הכשרה זיך דערציען און צוגרייטן צו ארץ-ישראל. נייע ווינטן האָבן געבלאזן אין שטעטל. דרושקאפּאליער יינגלעך און מיידלעך לאָזן זיך אין די ערשטע קיבוצי-הכשרה אין ווערבא, קלאסאוו און אנד. און ס'ווערט געשאפט אַ שטימונג צו עליה, צו באניין דאָס לעבן אין ארץ-ישראל.

אין משך 15—20 יאָר זענען ארויס פון דרושקאפּאל בערך 150 חלוצים קיין ארץ-ישראל און אזא צאָל, בערך, האָבן זיך געלאָזט אין דער גרויסער וועלט, אמיינסטן — אַמעריקע.

אונטער דער פּוילישער הערשאַפט האָט דרושקאפּאל פּראָגרעסירט ביז ס'האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט מלחמה און די דייטשן האָבן פארנומען אויך וואָלין ניט אויסמיידענדיק אונזער שטעטעלע דרושקאפּאל. ביטער איז געוועזן דער גורל פון די דרושקאפּאלער ידן, זיי זענען געפייניקט געוואָרן גלייך מיט אנדערע ידן פון די ארומיקע שטעטלעך דורך די נאציס ביז צום פולן פארניכטונג. דער גרויסער בראָך איז געשעען אין טאָג כ"ה אלול תש"ב (1941) אין וועלכן ס'זענען אומגעבראכט געוואָרן אלע ידן פון דרושקאפּאל (אויסער געציילטע וועלכע האָבן זיך געראטעוועט דורך נסים). אין דעם ביטערן טאָג איז דרושקאפּאל אויסגעליידיקט געוואָרן פון אירע רואיקע, הארציקע ידן און זייערע שאפונגען אין משך פון דורות. די קהילה איז אויס געמעקט געוואָרן פון דער וועלט-מאַפּע און די שארית הפליטה פון שטעטל זענען פארשיטומט צעזייט אויף דער גאָרער וועלט, זיי באַמיען זיך צו פאראייביקן דעם אָנדעק פון די דרושקאפּאלער ידן דורכן וועלט מאָנומענט „היכל וואָלין" אין ישראל.

---

מיט אַ געפיל פון הייליקייט און כבוד ווערן געשריבן די קורצע שורות בדחילו ורחימו צום אָנדענק פון די אומגעקומענע און פארלאָרענע פון דרושקאפּאל אין דעם כלל ישראל, וועלכער האָט פארלאָרן 6 מיליון נפשות אין אונזער דור דורך דער דייטש-נאצישער הערשאפט אין אייראָפּע. מיר שטעלן זיך פאָר די גרויסע טראָגעדיע (לויט מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט) ווי אזוי אונזערע עלטערן, פריינט, לערערס, חברים און סתם ידן זענען געפירט געוואָרן אין זייער לעצטן וועג צו די גריבער, וועלכע זיי אליין זענען געצוווּנגען געווען צו גראָבן פאַר זיך און געוואָרפן געוואָרן אין זיי לעבעדיקערהייט. מיר זעען דעם גרויסן ברודער-קבר פון זיי לעם הוכלופוב ניט ווייט פון שטעטל און דאָס הארץ ווערט פון ס'ניי צו-בראָכן שרייט און יאָמערט. ניטאָ קיין טרייסט!

**בנימין בן-אריה** (שארגיל)

# מיין שטעטעלע בעלאזערקע און...שלום עליכם

אין מיין קליין שטעטעלע בעלאָזערקע אין וואָלין האָט מען גערעדט דאָס זעלבע ידישע מאַמע-לשון אין וועלכן שלום עליכם האָט געשאַפן זיינע ווערק — דער זעלבער דיאַלעקט, די זעלבע ברכות און די זעלבע קללות.

אין מיין „בילזערקע", וואָס וואָלט אויך געקאָנט זיין שלום-עליכמס „כתריאלעווקע", זענען אויך געווען „קליינע הייזעלעך, ווו מ'האָט וועקגעזעצט אונדזערע ידעלעך קאָפּ אויף קאָפּ און מ'האָט זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלן זיך פּרוכפּערן און מערן". „די קליינע מענטשעלעך" זענען געבענטשט מיט אַ טיפן גלויבן אז „גאָט וועט העלפן!"

עלעקטרישע לאַמפּן, וואַסערלייטונגען און נאָך אַזעלכע לוקסוס־זאַכן זענען אויך אין בעלאַזערקע ניט געווען, אָבער אין יעדן איינעם פון די הונדערט און צוואַנציק קליינע שטיבעלעך זענען געווען פּאָליצעס מיט ספרי־קודש און להבדיל, מאָדערנע ביכער.

„מלך דער לאַנגער" האָט פאַרמאָגט בלויז פינף ציין אין מויל, אַ שטענדיקן שמייכל אין זיינע „ממזרישע" אויגן און אַ שטימע פון אַ זילבערן גלעקל.

יעדן טאָג פאַרנאַכט פלעגט ער „אַריינפאַלן", „אַרויסכאַפּן" אַ באַנד פון שלום עליכמס ביכער, אַנשפּאַרן זיך אין דער הינקענדיקער שאַפע און — דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט געלעכטער. דורכגייער פלעגן זיך אָפּשטעלן, אַריינשטופּן דעם קאָפּ דורכן אָפענעם פענצטער און געניסן פון „די גליקלעכסטע מינוטן אין זייער לעבן".

איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר אַכט־ניין.

✶

אין 1930, אין וואַרשע, ווען כ'בין אַלט געווען 21 יאָר, האָב איך געהאַט צוויי „ליבעס": די ערשטע — סקולפּטור; און די צווייטע — אמאַטאָרישע פאַרלעזונגען פון יידישער און העברעאישער ליטעראַטור.

איינמאָל, גראַווירנדיק די סובטעלע פינגער פון קריסטוסן, זענען פלוצים אויסגעוואַקסן צוויי יינגע „קאַלעגן" פון הינטער די מצבות און האַלטנדיק אין זייערע „דעליקאַטע" פינגער צוויי רעוואָלווערן האָבן זיי „פריינטלעך" געבעטן איך זאָל מיך באַלד אָפּטראָגן פון דעם קריסטלעכן בית הקברות! אויב ניט — האָבן זיי „ברייטהאַרציק" דערקלערט — וועט ניט שווער זיין צו געפינען אויך פאַר מיר אַ שטיקל גרוב...

הערנדיק אַזעלכע דיבורים האָב איך קיין אַנדערע עצה ניט געהאַט, ווי פאַרוואַנדלען מיין „צווייטע ליבע" אין אַ פּראָפעסיע, געוואָרן אַ רעציטאַטאָר און אָנגעהויבן ציען חיונה פון וואָרט־קאָנצערטן.

✶

מיט זעקס יאָר צוריק, צום הונדערטסטן געבורטסטאָג פון מיין שלום עליכם, האָב איך געפילט אַז איך בין אים שולדיק עפּעס מער ווי „נאָך אַ פּראָגראַם" פון זיינע שאַפונגען. כ'האָב, אָבער, אויך געוואָלט בלייבן טריי זיין זויבערער שאַפונג; אָן „באַאַרבעט" און אָן „פאַרבעסערט", אָן „געזונגען" און אָן „טענצע".

אין 1960, האָב איך געטראַכט, מוז מען זיך ניט באַנוצן מיט קאָסטיומען, גרים אָדער דעקאָראַציעס, כדי אַרויסצוברענגען די עכטע „קליינע מענטשעלעך".

אין 1960, האָב איך געגלויבט איז דער עיקר אַרויסברענגען זייער מעלאַדישקייט, זייער טיפן גלויבן, זייערע באַשיידענע פאָדערונגען פון לעבן, די רייכקייט פון זייער קבצנישקייט. דאַרף דען „טעאַטער" האָבן מער ווי דאָס שפּרודלדיקע וואָרט פון אַ גאון און דעם טיפן געפיל פאַר זיין אינהאַלט און קלאַנג?

און אַזוי, נאָך אַ גאַנץ יאָר פון צוגרייטונגען, זענען „די קליינע מענטשעלעך" געבוירן געוואָרן אויפסניי.

„די קליינע מענטשעלעך" זענען אויך געוואָרן אַ „היסטאָרישער פאַקטאָר"; דאָס ערשטע מאָל האָט די פּוילישע קאָמוניסטישע רעגירונג איינגעלאַדן ישראלדיקע קינסטלער צו געבן דעם וואָרט־קאָנצערט פאַר די יידישע ישובים.

היינטיקס יאָר, צום פופציקסטן יאָרצייט פון שלום עליכם זענען „די קליינע מענטשעלעך" איינגעלאַדן געוואָרן אין זעקס לענדער און וועלן אויפגעפירט ווערן אין זעקס שפּראַכן.

ווייל שלום עליכם, ציענדיק פון די טיפע וואָרצלען פונעם יידישן פאָלקלאָר — האָט זיך דערהויבן צו אַן אוניווערסאַלער מדרגה. פונקט אַזוי ווי יעדער גרויסע קונסט ווערט בלויז דעמאָלט אינטערנאַציאָנאַל־אָנערקענט, ווען זי איז באַהויכט מיט נאַציאָנאַלער גרויסקייט.

**אליהו גאָלדנבערג**

# פון טשודנאווער פארגאנגענהייט

צווישן די זכרונות פון ווייטע יאָרן פון טשודנאוו איז פארבליבן א וויכטיקע געשעעניש פון יאָר 1919. דאָס האָט פּאַסירט אין די טעג ווען די רוסיש — רויטע אַרמיי האָט באַהערשט אוקראַינע און די אוקראַינישע מיליטער כוחות זענען אָפּגעטראָטן פון קיעוו צו דרום־אוקראַינע, און אַ תוהו־ובוהו האָט געהערשט אין אוקראַינער טעריטאָריע. די אַלגעמיינע באַפעלקערונג אין דאַן געפלאָגט אין שטעט און דערפער, אין פיל פאַלן מיט קרבנות און פאַרמעגן פאַרלוסט. די ידן, וועלכע זענען געווען די מיינסטע איינוווינער פון די שטעטלעך אין קיעווער — פאָדאָלייער — וואָלינער גובערניעס האָבן געלעבט אין שרעק און פּיין און גאַנץ אָפט אַנגעוויזן אויפן חסד פון די באַנדעס, וועלכע איבעראל אין אונאָרדנונג האָבן זיך דערלויבט גראַבירן, שלאָגן און טויטן ידן אָן סיבות. די היסטאָריע פון יענע צייטן גיט איבער פיל טרויעריקע פאַלן און פּאַסירונגען אויף דער ידישער גאַס, דאָס זיינען געווען די פּאָגראָמען אויף אוקראַינע אין 1919.

אין יענע צייטן האָבן זיך אָפט באַוויזן באַנדעס פון אוקראַינער, וועלכע האָבן גערויבט און פּאָגראָמירט אומעטום ווו נאָר זיי האָבן געקענט, אָן דער שרעק פון אַ ווידערשטאַנד, און די פאַרלוסטן דערביי זיינען געווען גרויסע. אין שפּיץ פון די באַנדעס האָבן זיך געשטעלט „אַטאַמאַנען" — אַנפירער, וועלכע האָבן געבושוועט און געזוכט פּריוואַטע אינטערעסן אין דער הפקר צייט, ווען קיין פעסטע מאַכט איז ניט געווען.

איינמאָל אין אָנגעקומען קיין טשודנאָוו אַ אוקראַינישער באַטאַליאָן און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער באַן־סטאַנציע אָפּטרעטענדיק פאַרן רוסישן מיליטער. פאַר מיליטערישע צוועקן האָט דער באַטאַליאָן צישטערט דעם הילצערנעם בריק אויפן טייך טיטעירעוו, וועלכער פליסט אין דער געגענט. נאָכן פאַרלאָזן טשודנאָוו איז אָנגעקומען אַ פּאָלק פון דער רויטער אַרמיי וועלכער האָט באַדאַרפט אַריבער דעם טעטערעוו און האָט גלייך צונויפגעזאַמלט די איינוווינער פון שטעטל און אַרומיקע דערפער צו רעמאָנטירן דעם בריק וואָס גיכער, כדי נאָכיאָגן די אוקראַינער.

אין דעם זעלבן טאָג איז אַראָפּ געקומען קיין טשודנאָוו אַ רוסישער קאָמיסאַר אָסטראָווסקי און געפאָדערט פון די ידן צושטעלן מענטשן צו דער אַרבעט ביי דעם בריק. צוזאַמען מיט דער פאָדערונג איז דערקלערט געוואָרן די פּני־העיר, אַז אויב די ידן פון טשודנאָוו וועלן ניט ארויסגיין פרייוויליק העלפן פאַרריכטן דעם בריק, וועט ער זען אין דער אויפפירונג אַ סאַבאָטאַזש אַקט און וועט באַפעלן חרוב מאַכן דאָס שטעטל. די דראָונג איז געווען אַ גאַנץ ערנסטע און האָט געשאַפן אַ פּאַניק אין טשודנאָוו. ניט אָפּלייגנדיק האָט דאָס שטעטל אַרויסגעשיקט אירע בעלי־מלאכות צום בריק און פיל יוגענט, אפילו ניט פאַכלייט האָבן זיך אָפּגערופן און אַרויס אַרבעטן. צווישן די לעצטע זענען געווען פון די אינטעליגענטע יוגענטלעכע פון יענער צייט אין שטעטל, צו וועלכע דער שרייבער פון די שורות מיט זיין חבר בצלאל קרעוועגס האָבן געהערט. אונדז האָט באַגלייט דאָס דראָונג פונם קאָמיסאַר פאַרניכטן טשודנאָוו און צוזאַמען מיט דעם האָבן מיר געהאַלטן פאַר אַ חוב באַשיצן דעם ידישן כבוד. די אַרבעט איז געווען שווער, אָבער מיר אַלע האָבן זיך באַצויגן מיט פולער ערנסטקייט צו אַלע באַפעלן און אויסגעפירט אויפן בעסטן אויפן אַלץ וואָס מ'האָט אויף אונדז אַרופגעלייגט. מיר זענען געשטאַנען אין וואַסער און צוגעשטעלט קלעצער און אַנדערע מאַטעריאַלן די פאַכמענער, מיר האָבן געשלעפּט ווער אַליין און ווער אין צווייען מיט אַלע כוחות. די אויפזעהער אויף דער אַרבעט האָבן אונטער געשטראָכן אונדזער פלייסיקייט און אונדז געמוטיקט.

דעם אמת זאָגענדיק זענען מיר ידן, אַרבעטנדיק פאַר דער רוסישער אַרמיי, ניט געווען זיכער, אַז די מאַכט וועט שוין בלייבן ביי אונדז, נאָכדעם וואָס גאַנץ אָפט האָבן זיך געביטן די הערשער, אָבער פאַרלויפיק האָבן מיר באַוויזן, אַז מיר פילן אויס אַ באַפעל פון דער מאַכט און דינען איר געהעריק.

פאַר מיין אויסצייכנונג אין אויספילן די ארבעט פונקטליך און נוצליך האָט מיר דער קאָמיסר אַנסטראָווסקי באַשטימט אַ „אויסצייכנונג מעדאַל״, וועלכן איך האָב באַקומען.

יאָרן זענען פאַריבען פון דאַן, פיל זכרונות זענען אַרויס פון קאָפּ, נאָר איינצעלע פון זיי זענען געבליבן טיף אין זכרון.

**שמואל קאַרן**

# טרויער־אקאַדעמיעס אין ראָוונע

יעדעס יאָר, ווען ס׳קומט כ׳ בתמוז, דער יאָרצייט פון ד״ר הערצל, דערמאָן איך זיך די אזכרה וואָס איז אָפּגעריכט געוואָרן אין דער גרויסער שול אין ראָוונע אין יאָר 1904.

איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד. כ׳האָב זיך זייער איבערגענומען מיטן גרויסן טרויער ביי אונדז אין הויז פון דער טרויעריקער בשורה אַז ד״ר הערצל איז ניטאָ מער.

מיין אידעלע מוטער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין דאָס גרויסקייט פון ד״ר הערצל. אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך אים געזען אלס יידישן קעניג. איך געדענק די צייטונג וואָס איז אָנגעקומען פון פעטערבורג, אין וועלכער עס איז אָפּגעדרוקט געווען דאָס טרויער־ליד פון דיכטער ש. פרוג, ווי ער באַוויינט ד״ר הערצלס פטירה. „ס׳איז געשטאָרבן אַ פאָלקס־מנהיג און דאָס יידנטום איז פאַריתומ׳ט געוואָרן״.

דאָס ראָוונער יידנטום איז געווען אין טיפן טרויער, אַלע האָבן באַטאָנט די גרויסע געשטאַלט פון פאַרשטאָרבענעם גרויסן מנהיג.

מיינע עלטערן זענען געווען ציוניסטן מיט לייב און לעבן און אונדזער הויז איז געווען אָפן פאַר צוזאַמענקונפטן. באַלד נאָכן דערהאַלטן די טרויעריקע ידיעה האָבן זיך פאַרזאַמלט מאסן ידן אין דער גרויסער שול. מיין פאָטער האָט מיך מיטגענומען צו דער אזכרה, — זענענדיק אויך מיין צער. דער פלאַץ פאַר דער שול איז געווען פול מיט מענטשן. מיר האָבן



די גרויסע שול אין ראָוונע

זיך קוים דורכגעריסן אין שול אריין. די ענגשאַפט איז געווען זייער אַ גרויסע. דער טאָג איז געווען אַ הייסער און די ברענענדיקע ליכט האָבן נאָך צוגעגעבן היץ און פאַרשטאַרקט דעם טרויער. פון דער בימה האָבן זיך דערטראָגן תפילות און הספדים. כ׳ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר איך האָב זיך ביטער צעוויינט. נאָר איינעם פון

די רעדנער האָב איך געקאַנט, דעם ראש הקהל הערש העלער, וואָס האָט דערציילט ווי ער איז געפאָרן קיין באזעל צום ציוניסטישן קאָנגרעס און האָט זיך דאָרט באגעגענט מיט ד״ר הערצל און מיט אים פאַרפירט אַ לענגערן שמועס. ער האָט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן רושם מיט זיין מאַיעסטעטישער פּערזענלעכקייט און זיינע פּלענער וועגן דער אויפלעבונג פון ארץ ישראל. דער עלטסטער ציוניסטישער עסקן, שלמה קאַלי־קאַביטשער, האָט צוזאַמען מיטן חזן און מיט דעם גאַנצן קהל געזאָגט „קדיש״.

✶

די צווייטע אסיפה אין דער גרויסער שול, וואָס איך געדענק, איז געווען אַ פּראָטעסט־אסי־פה, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין יאָר 1929 צום זכר פון די קדושים, וואָס זענען אום־געקומען אין ארץ־ישראל דורך די אַראַבישע אי־בערפאַלן. איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ דער־וואקסענער און פאַרטון אין קהלישע זאַכן אין שטאָט. מיין ברודער שמחה, געוועזענער קאָנ־סול פון ישראל אין אַמעריקע, האָט דאַמאָלט געלערנט אין דער רעאַל שולע אין חיפה. ער איז געקומען אהיים אויף אורלויב און האָט אונדז דערציילט אַ סך איינצלהייטן וועגן די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ ישראל. אין יענער צייט זענען די תלמידים און די לערער, (אויך ער צווי־שן זיי) געווען אין דער קאָלאָניע מטולה, ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט זיך צוריקצוקערן קיין חיפה.

אויף דער אזכרה האָט ער דערציילט וועגן די געשעענישן. דער 16־יאָריקער ארץ־ישראל־דיקער גימנאַזיסט האָט דערציילט פונעם שול־באַלעמער און האָט מצליח געווען צו פּאַראַליז־טערעסירן זיינע שטאָטישע צוהערער, וועלכע האָבן ווי אליין דאָס אלץ איבערגעלעבט, צוהע־רנדיק זיך מיט פאַרשטיקטע קרעכצן.

**שמואל פיסיוק**

# סטאָלינער חסידים אין מלינאָוו

ווי ס׳איז באוווּסט זענען וואָלינער ייִדן אין אַמאָליקע צייטן געווען חסידים, און געשטימט חסידיש, ווייל די חסידות האָט באהערש וואָלין.

אין דער שטעטל מלינאָוו, דובנער געגנט, האָבן די חסידים געהערט צו אייניקע רביים, וועלכע קומען באזוכן דאָס שטעטל און די חסידים פלעגן פאָרן צו זייערע רביים. דער גרעסטער טייל חסידים פון מלינאָוו האָט זיך באַצויגן צום סטאָלינער־קאַרלינער צדיק, און איינער פון זיי איז געווען ר׳ יצחק סטאַראָסטע, אַ ייד אַ תלמיד חכם מיט אַ הדרת פנים, אַ ייד יודע נגן פון די חשובע בעלי בתים אין פאַריקן יאָרהונדערט אין מלינאָוו, וועלכן מ׳האָט געקענט און געערט אויך אין דער סביבה.

ר׳ יצחק איז געווען אַ שטאַרק הייסער סטאָ־לינער חסיד. אפילו ווען ער איז שוין געווען אַ פאָטער פון 6 קינדער, פלעגט ער פאָרן צום רבי׳ן אין סטאָלין אויף יומטובים איבערלאָזנדיק זיין פאַמיליע אליין. צוריקקערנדיק זיך פון רבי׳ן



ר׳ יצחק סטאַראָסטע

פלעגט ר׳ יצחק דערציילן אַ לאַנגע צייט מעשיות און נסים פון רבי׳ן און פון זיינע באַגעגנישן מיט אים, זיינע טיש־פּראָווען און בכלל פון זיין ווײַלן אין רבי׳נס הויף א. א. חסידים האָבן אויס־

געהערט און נאָכגעשאָן ר׳ יצחק׳ן און אויך גע־פאָרן צום רבי׳ן טרינקען פון ריכטיקן קוואַל.

מיט נאָך אַ מעלה איז געבענטש געוואָרן ר׳ יצחק, מיט אַ ווונדער שטימע און געפיל אין דאַווענען, דער עולם האָט ליב געהאַט זיין דאַווי־נען פאַרן עמוד און פון לוצק און מיזאָטש פלעגט מען אים איינלאַדן דאַווענען ימים נוראים אַלס שליח־ציבור. ר׳ יצחק האָט מיט אַלע כוחות און געפילן אויסגעבעטן אין זיינע תפילות פאַרן קהל און אויסגעזונגען די ניגונים פון רבי אהר׳עלע קאַרלינער און זיין זון ז״ל.

אַזוי האָט ר׳ יצחק געלעבט אין זיין מלינאָוו רוהיק און חסידיש און זיך באַנוגנט מיט וואָס גאָט האָט אים געבענטש.

ווען ר׳ יצחק האָט אויסגעגעבן זיין עלטסטע טאָכטער בתיה — האָט ער גענומען דעם איידעם יחיאל צו זיך אין שטוב אויף קעסט און אריין געפירט אין סטאָלינער שטיבל און שפּעטער אויך גענומען מיט זיך אין סטאָלין צום רבי׳ן אויף יומטוב.

ר׳ יחיאל איז שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן פון סטאָלינער רבי׳ן און געוואָרן זיינער אַ היי־סער חסיד אויף זיינע אַלע יאָרן.

**סילוויע באַרדיט־גאָלדבערג**

# די איבערלעבנישן אין בערעזנע

אין אַ געוויסן טאָג אין דער העלפט פון 1941 האָבן זיך באַוויזן אין בערעזנע, פון צפון זייט — פונם דאָרף ליזנאַ, דייטשע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן גלייך אָנגעפילט דאָס שטעטל. דאָס זענען געווען איבערהויפּט אַרטילעריע־כוחות מיט שווערע פּולעמיאָטן געפירטע דורך גרויסע האָ־לענדישע פערד געשפּאַנט אין צוויי אָדער דריי פּאָר, מיט גרייטע בריקן און אַנדער קריגס־גע־ווער. די דייטשישע סאָלדאַטן האָבן אויסגעזעהן געזונטע און צופרידענע פון נצחונות. בערעזנע איז אָקופּירט געוואָרן.

גלייך מיט זייער אָנקומען האָבן זיך אָנגע־הויבן די צרות פון דער ידישער באַפעלקערונג. די ידן האָבן דעם זעלבן טאָג דערפילט דעם ביטערן דרוק פון די דייטשן, ווייל דער בריק אויפן טייך סלוטש, איז רואינירט געוואָרן דורך דער אָפּטרעטנדער רויטער אַרמיי און פאַרברענט געוואָרן. די דייטשן האָבן באַדאַרפט יאָגן די רוסן, האָט דער מיליטערישער קאָמענדאַנט באַ־שלאָסן בויען פון ס׳ניי דעם בריק און ער האָט באַפעלט צווינגען די אָרטיקע ידן זיך שטעלן צום בויען אים דעם זעלבן טאָג, מיט אַ דראָהונג, אַז ווער ס׳וועט זיך ניט שטעלן צו דער אַרבעט און וועט בלייבן אין הויז — וועט דערשאָסן ווערן.

נאָך אַזאַ פאַראָרדנונג האָבן זיך באַוויזן אַלע ידן פון שטעטל אויספילן וואָס מ׳האָט פון זיי געפאָדערט אויף אַ שטרענגסטן אופן, און דערצו מיט אַ שענדלעכער באַציהונג צו זיי, אַלס ידן. דאָס האַרץ האָט געציטערט און קלאַנגען האָבן זיך פאַרשפּרייט פון אַנדערע ערטער, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנהויב פון דער תוכחה אויף ידן.

ס׳האָבן זיך באַוויזן אוקראַינישע פּאָליציאַנטן צום אויספירן דעם מיליטערישן באַפעל. זיי האָבן זיך געוואָלט אויספּיינען און געטריבן אַלט און יונג, מענער און פרויען אפילו שוואַכע און קראַנקע צום בריק, וועלכער מוז גלייך אויפגע־בויט ווערן. נאָך זיי האָבן דייטשן קאָנטראָלירט אין די ידישע הייזער און זיך געפירט ווי בעלי־בתים אומעטום. די אַרבעט איז באַשטאַנען בעיי־קר פון שלעפּן און צושטעלן קלעצער, גרויסע שטיינער און אַנדערע מאַטעריאַלן פאַרן בריק. דאָס איז געווען ניט לויט די פיזישע כוחות פון גרעסטן טייל ידן איבער וועלכע עס זענען גע־שטאַנען אוקראַינער און דייטשן מיט בייטשן אין די הענט. די אַרבעט האָט זיך געפירט אין וואַ־סער ביז שפּעט אָווענט אָן אַפּרוה און אָן עסן, פאַך־לייט ווי שמידן און סטאָליאַרעס זענען גע־צוווּנגען געוואָרן עפענען זייערע ווערקשטאַטן פאַר דעם בריק און דאָס אַלץ כדי אים צו ענ־דיקן אין משך פון 3 טעג.

באַלד נאָכן בריק האָט מען אָנגעהויבן כאַפּן

ידן צו אַנדערע אַרבעטן, רייניקן גאַסן און קלאָ־זעטן — אַן כלים, וואַשן רעדער פון פּולעמיאָטן, אָפּרייניקן גאַסן פון פאַרברענטע געבײדעס און אַנדערע שמוציקע אַרבעטן אונטער אַ דרוק און פּייניקונג מיט אַ בולטן ווילן דערנידעריקן דעם „יודע". אין פּאַרק פון שטעטל האָבן די דייטשע הערשער אוועקגעשטעלט 10 ידן גראָבן אַ גרויסע גרוב און זיך ניט געשעמט זאָגן אָפן „דאָס איז פאַר אייערע ידן" און אויף זיי זענען אוועק־געשטעלט געוואָרן היטערס מיט געווער. אָבער ווען די גרוב איז געענדיקט געוואָרן האָבן די גרעבער באַדאַרפט לויט אַ באַפעל זי אָנפילן צוריק מיט שמוץ און ערד.

אין בערעזנע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס ידישע לעבן. ידן ווערן געיאָגט, געפּייניקט, באַרויבט. אַ ידן־ראַט מיט עטלעכע ידישע פּאָ־ליציאַנטן זיינען באַשטימט געוואָרן דורך די דייטשן, אָבער זיי האָבן כמעט ווי גאָרניט גע־קענט טאָן לטובת דער ידישער באַפעלקערונג. אין געגנט האָבן זיך געפונען פּאַרטיזאַנישע אָט־ריאַדן און ידן האָבן זיך געריסן צו זיי, אָבער מ'איז געווען אַנגעשראָקן און דערשלאָגן. געווען ידיעות קומען אָן פון אַרומיקע שטעט און דער־פער, ידן זענען דערדריקט און ס'דראָהט זיי פאַרניכטונג. אין בערעזנע, גלייך ווי אין אַרו־מיקע שטעטלאַך איז באַשטימט אַ געטאָ פאַר ידן, ס'פעלט אויס שפייז, עס זיינען געקומען שווערע ביטערע צייטן, ווי אַזוי קען מען זיך ראַטעווען? וווהין לויפן?

צום סוף, אין י"ב אלול תש"ב זענען אַרויס־געפירט געוואָרן אַלע ידן פון געטאָ בערעזנע צו 3 גרויסע גריבער, צוגעגרייטע דורך אוקראַי־נער, אויפן וועג קיין מאַקווין, דאָרט זענען די אומגליקלעכע אויסגעשאָסן געוואָרן און אַריין געוואָרפן געוואָרן טויט, פאַרוואונדערט אָדער לע־בעדיקערהייט אין די גריבער. נאָר אַ קליינע צאָל ידן האָבן באַוויזן זיך ראַטעווען מיט פאַרשידענע וועגן.

**חנוך קנוניץ**

# דער לעצטער רוף אין לוצק

מיר שטייען אין רייען — רעזיגנירטע און דערשראָקענע. אונדזער לעצטער וועג! אַרום אונדז — אוקראַינישע פּאָליציאַנטן. זייערע ביקסן זענען געצילט אויף אונדז, גרייט צו שיסן, טאָ־מער עמיצער פון אונדז רירט זיך פונעם אָרט. אַ יונגער בחור, וואָס שטייט ניט ווייט פון מיר שעפּטשעט: מירן מוזן לויפן... מירן לויפן אין אַלע ריכטונגען... שפּרינגען איבער די פּלויטן... מיט אַ פאַרשטיקט קול: אָבער צוזאַמען... צו־זאַמען. זיך שלאָגן ביזן לעצטן...

ווייזט אויס אַז מיר זענען גרייט עפּעס צו טאָן. מיר בויגן זיך פאָראויס, גרייט צום שפּרינ־גען. אַ מינוט, אַ מינוט... וואָס פאַר אַ משוגעת? ווען עמיצער וואָלט געגעבן עפּעס אַ צייכן, אַ פייף... אָבער קיינער גיט ניט קיין צייכן... די אוקראַינער צילן זייערע ביקסן אויף אונדז. זיי־ערע פּרצופים זענען רואיקע און קאַלטע.

און דער זעלבער קול: ניט איצט, ניט איצט...

אין דעם מאָמענט ווערן אונדזערע רייען פאַרגרעסערט מיט נאָך ידן, אַרויסגעטריבענע פון אַ בנין. אַ דייטש צעשרייט זיך מיט אַ ווילד קול: אין פינף מינוטן צייט בראָוך קיין יודע ניכט זיין אין דער געבוידע! און ער באַפעלט אַז די אָפיציעלע לאַגערניקעס זאָלן זיך אויסשטעלן אין דער לינקער זייט פון לאַגער. ביי די לעצטע האָט זיך באַוויזן אַ פונק פון האָפנונג. עס האָט זיך געשאַפן אַ טומל און אַ גערודער. די בעלי־מלאכות האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער. ידן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון שחיטה אין גע־טאָ און געזוכט אַ מקום־מקלט אין לאַגער האָבן פאַרשטייט זיך געקוקט אויף די פאַכלייט מיט קנאה און פאַרצווייפלונג.

פּלוצים, אַ שרעקלעכע סצענע: אוקראַינער שלעפּן אַ יונגן בחור פון דער געבײדע צום דייטשן קאָמענדאַנט ג ל י ק. דער לעצטער גיט אַ באַפעל און עס ווערט שאַ שטיל!

אַ שיינער אָסיען־טאָג. איך קוק אויף די הויכע בוימער, די שטילע עדות, צום בלויען הימל...

ווידער אַ גערודער. וואָס איז געשען ?

אַ בחור האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט. לויפט ארום דעם לאגער. ער איז זייער פלינק. די אוקראַינער זענען אין ערשטן מאָמענט צעטומלט. ווייסן ניט וואָס צו טאָן. זיי באַפעלן אים שטיין צו בלייבן. ער לויפט מיט אלע כוחות. זיי שיסן אים נאָך. זיי טרעפן אים ניט. ער איז שוין אריבער דעם פלויט. די דייטשן פארלירן ניט קיין צייט. זיי שיקן נאָך רייטער אויף פערד כדי אים צו כאפן.

מיר שטייען אין דער ריי שטאָלצע מיטן בראַוון יידישן בחור, וועלכער פאַרוויקלעכט אונדזער אלעמענס חלום. אונדז פעלט דערוויילכח צו אַנטלויפן. דער חלום דויערט אָבער ניט לאַנג. אין עטלעכע מינוט ארום ברענגען די רייטער דעם בחור אַ פארוונדעטן, באַגאָסענעם מיט בלוט, אָבער ער לעבט. זיי שלײדערן אים צו דער ערד. ער שטעלט זיך אויף און שרייט : יידן, וואָס שטייט איר ? לויפט ווו עס לאָזט זיך !

די אוקראַינער ווילן אים שטום מאַכן. דאָס געלונגט זיי ניט, און ער שרייט צו די דייטשן : איר מערדער ! מיינט ניט אז איך האָב מורא צו שטאַרבן ! דער טאָג פון נקמה וועט קומען ! געדענקט דאָס, איר רוצחים !

אַ שאָס, — ער פאלט. דערווייל איז ניט די צייט צו קלערן וועגן טויט פונעם יידישן גיבור. מיר פארלאָזן דעם לאגער מיט טיפע ווונדן. מען פירט אונדז צו דער פּאָליציי געביידע.

אינעם שפעטערדיקן געראַנגל פארן ראַטעווען דאָס לעבן בין איך דורכגעגאַנגען ניט איין גהינום, נאָר זיין קול האָב איך ניט פארגעסן. ווער איז ער געווען ? איך ווייס ניט. ער האָט ניט געשטאַמט פון מיין שטאָט לוצק. ער איז געקומען מיט דער כוואַליע פליטים פון מערב פוילן.

אין די שלופלאָזע נעכט פון קאָשמאַר קומען אויפן געדאַנק שרעקלעכע זכרונות. ווען עס דערטראָגט זיך צו מיר זיין קול, ענטפער איך : זיי מייר מוחל ברודער, פאר ניט לויפן מיט דיר !..

**דוד פריטל**

איבערגעזעצט פון ענגליש — יעקב אלבירט.

# וואַלינער יידן פּאַרטיזאַנער

(פראַגמענט פון בוך „די יידישע ווידערשטאַנד באַוועגונג אין פוילן 1941 — 1945")

דער ערשטער אָרגאַניזירטער פאַרטיזאַנער אָטריאַד אין וואָלין איז געווען די פּאַראַשוטיסטן־גרופּע פון ד. מעדוועדיעוו, וואָס איז אין יוני 1942 אראָפּגעלאָזן געוואָרן פון עראָפּלאַנען. דער אָטריאַד איז לכתחילה באַשטאַנען פון 80 מאַן, דערונטער אויך שפּאַנישע רעוואָלוציאָנערן, אָנטיילנעמער אין בירגער־קריג. מיט דער הילף פון ראַדיאָ, איז דער אָטריאַד געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט מאָסקווע, וואָס פלעגט דורך עראָפּלאַנען איבערשיקן געווער, מעדיקאַמענטן, אינסטרוקציעס און מענטשן צום אָטריאַד.

מעדוויעדעווס קליינע, אָבער גוט באַוואָפנטע גרופּע האָט זיך קאָנצענטרירט אויף אויסשפּירונגס און סאַבאָטאַזש ארבעט, וואָס איז געפירט געוואָרן אין דער געגנט ארום ראָוונע, וועלכע איז געוואָרן די רעזידענץ פון נאַצישן קאָמיסאַר אין גאַנץ אוקראַינע, עריך קאָך. שפּעטער זענען צוגעקומען אַנדערע אָטריאַדן פון סאָבוראָוון, פיאָדאָראָוו (געשערניקאָווסקי) קאָוופּאַקס באַרייכטע דיוויזיע, פון גענעראַל ביעגמאַ פיאָדאָראָוו (ראָווסינסקי) און אַנדערע.

מעדוועדיעוו האָט אויך געבראַכט יידן אין אָטריאַד. ער דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן דעם ד"ר אלבערט ווועניאַמינאָוויטש צעסאַרסקי, וועגן גרישאַ שמוילאָווסקי, (וואָס איז געפאַלן בעת אַ צוזאַמענשטויס מיט באַנדעראָווצעס), אַ. אַנד. ס'רוב יידן האָבן פאַרבאָרגן זייער אָפּשטאַם.

וועגן יידן פון וואָלין, וואָס זענען צוגעשטאַנען צום אָטריאַד, דערמאָנט מעדוועדיעוו צום סוף פון זיין בוך, ווו ער שרייבט, אז זיינע אויסשפּירער האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף יידן־פליטים פון גאַליציע, און ער גיט אויך צו : „גרופּן מענ־

טשן, וואָס פלעגן זיך אויסבאַהאַלטן פון די פּאַשי־סטן, האָט מען אָפט געטראָפן אין די וועלדער, און ווען זיי פלעגן טרעפן פּאַרטיזאַנער, פלעגן זיי אריינטרעטן אין די אָטריאַדן, ווי עס איז געווען ביי אונדז, אין די צומאַנער און סאַרנער וועלדער" (אין וואָלין).

וועגן ידישע פּאַרטיזאַנער פון וואָלין און מזרח גאַליציע דערציילט אויך פּ. ווערשיקאָרוו, הויפּט פון קאָוופּאַקס שטאַב, אין זיינע זכרונות.

**יידן פון ראָוונע, קאָרעץ א. אַנד.**

וועגן אַ ידישער פּאַרטיזאַנער גרופּע אין דער געגנט פון ראָוונע־לוצק דערציילט פּאָלגנדעס נ. קעניג:

יוסף גאַרנשטיין פון קלעוואַן, זישע כאַי־טשיק און אברהם קיפער פון קאָלקי האָבן אָרגאַ־ניזירט אַ ידישע פּאַרטיזאַנער גרופּע אין אָנהויב 1942 אין דער געגנט ראָוונע־לוצק. ביסלעכוויז האָבן זיי צונויפגעקליבן 40 מיטגלידער. זיי האָבן גענומען צוערשט נקמה אין די דייטשן און זייערע קאָלאַבאָראַנטן, וועלכע האָבן ליקווידירט ידן אין אַ ריי שטעטלעך. די גרופּע האָט אָפּע־רירט אין ראַיאָן קאָלקי, צומאַן, סטידין, ווו זיי האָבן דורכגעפירט סאַבאָטאַזש־אַקטן. שטייענדיק אין פאַרבינדונג מיט פּראָ־רוסיש געשטימטע פּויערן, האָבן זיי געוווסט וואָס עס קומט פּאָר אין די דערפער און שטעטלעך. יעדער פּאָליציאַנט וואָס האָט אייפערדיק מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, יעדער „גאָלאָווא" (סטאַראָסטע) איז אָפּ־גערוימט געוואָרן. די פּאַרטיזאַנער זענען באַפּאַלן רעקוויזירטע טשערעדעס, צוגענומען אַ קו אָדער צוויי פאַר זיך און די איבעריקע איבערגעגעבן דעם באַלעבאָס.

די באַפעלקערונג איז געווען צופרידן, און די פּויערן־עלטסטע פלעגן זיך אליין ווענדן צו זיי וועגן אויפרייסן אַ שעכטהויז, סקלאַד, באַ־פרייען צוגענומענע אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

די דייטשן האָבן געמאַכט אַבלאַוועס אויף ידן, וואָס פלעגן דאַרפן אָפּט בייטן דאָס אָרט. געווען אויך צוזאַמענשטויסן. די ידן האָבן זיך אויך אָפּגערעכנט מיט אוקראַינער, וואָס פלעגן אַרויסגעגעבן ידן צו די נאַציס. צו זיי זענען שפּעטער צוגעשטאַנען 14 ידן פון זאַפּיאַווקאַ, אָנגעפירט דורך אַ אוקראַינישן קאָמענדאַנט. זיי האָבן געהאַט צוויי קוילנוואַרפער. שפּעטער האָט זיך דער גאַנצער פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד פאַראייניקט מיט דער באַרימטער פּאַרטיזאַנער דיוויזיע פון קאָוופּאַקן.

כייטשיק און זיינע חברים האָבן אויך באַקו־מען אויסצייכנונגען.

* . *

די פּאַרטיזאַנערין בתיה זאַלוסקאַ־פוקס, אַ קאָרעצער וואָס איז געווען פאַרהייראַט אין ראָוו־נע, איז נאָך דער ערשטער שחיטה דאָרטן געשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט אַנדערע קרעפּטיקע יונגע פרויען, צו אַרבעטן ביי די דייטשן. דאָרט האָט זי געטראָפן דעם געוו. קאָמוניסט גוסטאַוו קריגער, וועלכער האָט געראַטעוועט אויך איר קליין מיידעלע ציליע און פאַניע מאַרשאַלעק.

אויך ז. חריף פון קאָרעץ דערציילט, אז „קאָ־רעץ האָט זוכה געווען צו עטלעכע דייטשן, וואָס זענען אינערלעך געווען קעגן היטלערס בלוטיקן רעזשים און געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט כדי צו ראַטעווען ידן פון טויט. איינער פון זיי איז געווען ראָבערט. אין קאָמענשטיינס הויז האָבן געוווינט 2 דייטשע אָפיצירן, מיט וועמענס הילף מרים ווידראָ א. אַנד. האָבן געפונען שוץ אין קעלער — דערציילט זאַלוסקאַ.

איבערגעטאָן אלס אוקראַינער זענען זיי אוועק קיין קאָרעץ, ווייל אין קרעמענעץ, דובנע, לוצק זענען שוין קיין ידן נישט געווען. די פּאָר וואָכן אין קאָרעצער געטאָ זענען געווען שרעקלעכע. באַקומענדיק אַ ידיעה פון קריגערן אז מ׳גייט ליקווידירן דאָס געטאָ, איז זאַלוסקאַ, לויט קריגערס עצה, אַנטלאָפן צו אַ דייטש, וועלכער האָט איר געוויזן ווי אזוי צו אַנטלויפן ווייטער. נאָך פיל וואַנדערונגען האָט זי אָנגעטראָפן 2 פּאַר־טיזאַנער, דערונטער דעם קיעווער ייד קופּער־שמידט. זיין אָטריאַד האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערע ליבע צו ידן. זי האָט דאָרט געטראָפן נאָך קאָרעצער ידן און גענומען נייען קאַמופלאַזש־קליידער פאַר די פּאַרטיזאַנער.

זאַלוסקאַ איז סוף כל סוף אויפגענומען געוואָרן אין אָטריאַד פון מעדוויעדוון, וואָס איז

באַשטאַנען פון 600 מאַן, דערונטער א 30 יידן פון טוטשין, מעזיריטש, ראָוונע, ווי אויך רוסישע יידן.

די ערשטע „טבילת אש" האָט זי דורכגעמאַכט מיט פאַרטיזאַנער פון גענ. קאָוופּאַק, ביים כאַפּן דעם נאַצישן קאָמענדאַנט פון זוויהיל. צו דעם צוועק איז אינסצעניזירט געוואָרן אן אוקראַאינישע חתונה, ווו די כלה איז געווען די איבערגעטאָענע פאַרטיזאַנערין און דער חתן, דער זון פון אַ פּאַרטיזאַנער־משפחה אין זוויהיל. די אַנגעקומענע פאַרטיזאַנער זענען געווען די „מחותנים". דעם קאָמענדאַנט וואָס איז פאַרבעטן געוואָרן צו דער שמחה, האָט מען אַנגעשיכורט, אַרויסגעפירט אין וואַלד און דערשאָסן. דעם דייטש'ס פרוי, וואָס האָט זיך געוואָלט ראַטעווען דורך איבערגעבן וויכטיקע ידיעות, איז אויך געוואָרן דערשאָסן.

אַ צווייטן מאָל האָבן די פאַרטיזאַנער געכאַפּט אַ דייטשן ריכטער פון ראָוונע און אים דערשאָסן, צוזאמען מיט זיינע צוויי שומרים, נעבן דאָרף צומאַן, ניט ווייט פון ראָוונע.

ניט געלונגען איז אָבער דער אַטענטאַט אויפן גענעראַל עריך קאָך, דער הויפּט פון „רייכס־קאָמיסאַריאַט, אוקראַינע", וואָס האָט פון ראָוונע אַנגעפירט מיט די מאסן־מאָרדן אין וואָלין. זאַלוסקאַ איז דאַן געווען אַ שוועסטער אין אַ פּאַרטיזאַנער־שפּיטאָל. די אַקציע האָט זיך פאַרענדיקט טראַגיש פאַר די אַנגעקומענע פאַרטיזאַנער קיין ראָוונע. זיי האָבן באַוויזן צו וואַרפן גראַנאַטן אויף די נאָכלויפנדיקע דייטשן און זיך אַליין אומגעבראַכט מיט די לעצטע גראַנאַטן.

אין חודש מערץ האָט זאַלוסקאַ באַזוכט בערעזנע, ווו זי האָט אין וואַלד געפונען צווישן די פאַרטיזאַנער יידן וואָס האָבן זי אויפגענומען מיט פרייד. דער אָטריאַד, ווו זאַלוסקאַ האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל איז בכלל זייער אָפט געוואָרן באַמבאַרדירט. זאַלוסקאַ האָט זיך דעראַבערט פיל כבוד און ליבע, ראַטעווענדיק שווער־פאַרוואונדעטע פאַרטיזאַנער. סוף יאָר 1944 איז זי צוריקגעקומען קיין קאָרעץ ווו זי האָט געפונען בלויז 2 יידן.

דער רוסישער פאַרטיזאַנער קאָמאַנדיר, ד. מעדוועדיעוו, אין זיין בוך „דאָס איז געשען אונטער ראָוונע", דערציילט אויך וועגן 2 יידישע פאַרטיזאַנערינס פון ראָוונע, ליזאַ געלפאַנט און אידא סאָקאָלאָווסקא, וואָס האָבן געאַרבעט אלס קעלנערינס אין אַ דייטשן אָפיצירן־קאַזינאָ אין ראָוונע. לויטן אויפטראַג פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג אין ראָוונע, וואָס איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט מעדוועדיעווס פאַרטיזאַנער־גרופּע, האָבן די יידישע קעלנערינס אויפגעריסן די קאַזינאָ און אומגעבראַכט פיל דייטשע אָפיצירן און העכערע באַאמטע. זיי זענען אַנטלאָפן פון שטאָט און געבראַכט געוואָרן צו מעדוועדיעווס באַזע אין די וועלדער ארום ראָוונע.

## פאַרטיזאַנער פון ראַקיטנע

די פאַרטיזאַנערין חיה וואלקון דערציילט, אז בעת דער לעצטער סעלעקציע אין ראַקיטנע, דעם 26־טן אויגוסט 1942, האָבן הונדערטער יידן זיך געלאָזט לויפן אין וואַלד. פון די שיסערייען זענען אַ סך אומגעבראַכט געוואָרן, אַנדערע זענען געכאַפּט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. זי אַליין איז געווען אין אַ גרופּע פון 19 וואָס האָט זיך געראַטעוועט. 16 זענען צוריקגעגאַנגען אין שטעטל, ניט קאָנענדיק איבערטראָגן די שווערי־קייטן פון לעבן אין וואַלד. וואלקון און די איבעריקע 2 האָבן געטראָפן אין דאָרף קאַפּעליווקע נאָך וואַנדערנדע יידן, ווי אויך 3 פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיי געבראַכט אין מעדוועדיעווס אָטריאַד. מעדוועדיעוו האָט זיי געזאָגט, אז ער וועט ארייננעמען אלע יידן, און פאַרזיכערן זייער קיום, כדי זיי זאָלן קאָנען קעמפן אין זיינע רייען. מ'האָט די יידן איינגעאָרדנט ביי דינסט־אַרבעטן.

געווער אין אָטריאַד איז געווען לרוב. מיט פאַרריכטן אים האָבן זיך פאַרנומען שפּאַנישע פאַרטיזאַנער. די צאָל איז כסדר געוואַקסן און יעדער האָט געפונען אן אַנטשפּרעכנדע אַרבעט. 2 מאָל אין טאָג האָט מען געהערט נייעס פון מאָסקווע דורכן ראַדיאָ. 13 קינדער זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ קינדער־גאָרטן, אַנגעפירט דורך אַ יונגער פאַראַשוטיסטין.

צוליב אַן עראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע פון מאָס־

קווע, וואָס האָט שלעכט געלאַנדעט און פאַר־ברענט געוואָרן, האָט מען געמוזט בייטן דעם פּלאַץ און אָנהויבן בכלל וואַנדערן. אין די דער־פער זענען אַנטשטאַנען קלאַנגען, אז דער אַט־ריאַד ציילט טויזנטער קעמפער. בראש מיטן פאַר־טיזאַנער זאַנדוויס, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אויך אַ פאַמיליע־לאַגער פון 150 יידן, זקנים, פרויען און קינדער, וואָס האָט געהאַט 16 פערד און 18 ביקסן.

**נ. קאַנטאַראָוויטש**

# זכרונות פון א פאַרטיזאַן פון ראָטנע

## דאָס בילד

מיין „ערשטער וועג" ביי די נאַציס איז גע־ווען אין אַ לאָגער פאַר צוואַנגס־אַרבעט אין קאָוועל, יעדן טאָג האָט מען די אַרבעטס־פעייקע מענער אַרויסגעפירט אונטער אַ שטרענגן וואָך פון אוקראַינער און דייטשן צו דער אַרבעט. דער אויפזעער איז געווען אַ נאַצי מיטן נאָמען האַנס, דאָס איז געווען נישט קיין מענטש נאָר אַ חיה, און פאַר יעדער קלייניקייט פלעגט ער שמייסן מיט דעם גומענעם שטעקן איבער דער פלייצע, און אַ ווילדער שמייכל פון הנאה האָט זיך ברייט צעגאָסן אויף זיין פּרצוף.

אנהויב ווינטער. אַ שניי פאַלט. דער פראָסט פרירט אָפּ די הענט וואָס שלעפּן באַן־שינעס און ווערן געלייגט אויפן ערד־וואַל. כ'הויב אויף דעם קאָפּ כדי אויסצוגלייכן די גלידער וועלכע זענען שטייף געוואָרן פון פראָסט און פון דער שווערער אַרבעט, אַ שטאַרקער ווינט האָט גע־בלאָזן און געשמיסן אין פּנים, פּלוצים האָב איך דערפילט אז אַ שטיקל קאַרטאָן האָט זיך פאַר־טשעפּעט אין מיינע צעריסענע קליידער. כ'האָב'ס גענומען אין האַנט, דאָס איז געווען אַ בילד פון אַ יידן וועמענס וווּנדערליך שיין שמייכלנ'דיק פּנים איז געווען באַצירט מיט אַ ווייסע באָרד און ליבשאַפט האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן, כ'האָב געטראַכט אז אַזוי זעט מן־הסתם אויס אליהו הנביא... און ווי דאָס בילד וואָלט מיר געזאָגט: קינד מיינס, אַנטלויף פון דאַנעט, דאָ איז דער אומקום. כ'ווייס נישט ווי לאַנג כ'בין אַזוי געשטאַנען, ווי איך האָב דער־פילט ווי אַ הייס־ברענענדיקער שלאַנג האָט זיך אַרויפגעצויגן אויף מיינע פלייצעס, כ'האָב דער־פילט דעם גומענעם שטעקן פון האַנסן, דאָס בילד איז אַרויסגעפאַלן פון מיינע הענט, כ'האָב זיך איינגעבויגן און ווייטער געשלעפּט די גע־פרוירענע באַן־שינעס, און אין מיין האַרצן איז רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַנטלויפן אַנטלויפן, דער זקן פון בילד האָט מיר געהייסן, און אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך אַנטלאָפן. כדי ווער ווייסט, אפשר וועל איך נאָך אַ מאָל זוכה זיין צו אַרויפציהען אַ גומענעם שטעקן אויף האַנס'ס פלייצעס...

## אַ באַגעגעניש

ווי ווייטיקדיק און באַליידיקנדיק איז דאָס צוזען ווי יונגע לעבנס ווערן צעשטערט, ווי יונגע בוימער ווערן פאַרשניטן. אַזעלכע זענען מיר געווען, אין אונזערע בעסטע יוגנט־יאָרן זענען מיר דורך אַ מערדערישער האַנט אַרויס־געריסן געוואָרן פון שויס פון דער משפחה, פון טאַטע־מאַמע, און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שוצלאָזע, געיאָגטע מענטשן, נאָר צוליב זיין אַ ייד...

שוין עטלעכע חדשים ווי כ'געפין זיך אַליין אין וואַלד. פון מיין פריעסטער יוגנט אָן איז מיר פערמד דער געפיל פון פחד, מיין גאָטזע־ליגע מוטער האָט מיך געלערנט אז אַ מענטש וואָס האָט גאָט אין האַרצן דאַרף נישט מורא־האָבן... דאָ אין וואַלד האָב איך מיך נאָר געהיט פאַר דעם וועלכער איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט... און ביז איצט ווייס איך נישט ווער ס'האָט אָנגעווירן דעם צלם אלהים, דער רוצח וואָס וויל מיך דערמאָרדן, אָדער איך דער געיאָגטער און געפּייניקטער ייד...

די פויערן פון דער געגנט האָבן געגלויבט אַז איך באַזיץ געווער און האָבן אויסגעמיטן זיך מיט מיר צו פאַרנעמען. אַנדערע ווידער האָבן

מיך געהאָלפן אין זכות פון מיין ברודער וואָס איז געפאַלן אַפּאָר טעג פאַר דער באַפרייאונג אין אַ פאַרטיזאַנער אקציע, ווענען זיי האָבן זייער געאַכטעט.

כ׳גיי פון בוים צו בוים און זוך אַ פלאַץ ווי איבערצושלאָפן די נאַכט, און די פראַגע פאַר־וואָס? עקבערט מיך אין מח און לאָזט נישט צורו.

איך פאַרשטעק מיך אין אַ געפלאַנטער פון געוויקסן און צו מיינע אויערן דערגרייכן קלאַנגען פון מענטשן וועלכע גייען און רעדן צווישן זיך. כ׳האָב מיך צוגעהערט, און כ׳האָב דערהערט אַז דאָס רעדט מען ידיש, כ׳בין ארויס פון מיין באַהעלטעניש און כ׳האָב פאַר זיך דערזען צוויי ראַטנער בחורים, ידעלע יאַנאַוויטש, און יאַנוש מאַגאַלאַנסקי, זיי זענען געבליבן שטיין גלייכ־גילטיקע, און פאַר זיי איז שוין געווען דאָס זעלבע, שטאַרבן דאָ אין וואַלד, אָדער דערשאָסן ווערן אין ראַטנע.

כ׳האָב זיי געפרעגט וווהין זיי גייען. קיין ראַטנע, איז געווען זייער ענטפער, כ׳האָב זיך ביי זיי געבעטן, אָבער מיינע רייד האָבן אָנגע־טראָפן גלייכגילטיקע פנימר, כ׳האָב זיי געזאָגט פאַרבלייבט דאָ מיט מיר אין וואַלד, מיר וועלן זיין דריי, מיר זענען יונג, די פויערן וועלן אונדז נישט נאָכיאָגן, צוזאַמען וועלן מיר נקמה נעמען, און אויב מיר וועלן פאַלן, וועלן מיר דאָך וויסן און פילן אין אונדזערע לעצטע מינוטן אז מיט אונדזערע הענט האָבן מיר אפשר דערשטיקט די מערדער פון אונדזערע עלטערן, די מערדער פון ראַטנער ידן... „מיר האָבן מער קיין כח צו ליידן הונגער און שרעק, מיר גייען קיין ראַט־נע״, איז געווען זייער ענטפער, און זענען אַ־וועק. און איך... איך בין ווידער אַליין אין וואַלד...

**יעקב גראבאוו**

# פערזענליכקייטן:

## צום אנדענק פון פרץ מארקיש

אין די פינסטערע יאָרן פון רוסישן יידנטום אין סטאַלינ׳ס צייטן אין ראַטן רוסלאַנד, ווען די מאַכט האָט זיך געשטעלט אַלס ציל פאַרשטיקן די יידישע קולטור און אירע טרעגער אויף דער ראַטן טעריטאָריע — איז צוזאַמען מיט אַנדערע נעלם געוואָרן אין 1948 דער באַקאַנטער יידי־שער דיכטער און שרייבער פרץ מארקיש און מ׳האָט ניט געוווסט ווו זיין געביין איז אַ הינ־געקומען.

שפעטער איז קלאָר געוואָרן אַז מארקיש איז צוזאַמען מיט אַנדערע ידישע שרייבער און דיכטער (בערגלסאָן, דער נסתר, האפשטיין, פע־פער, קוויטקאָ און אנד׳) — וועלכע זענען געווען פאַרשפאַרט 3־4 יאָר און געפייניקט צוליב חשד אין נאַציאָנאַלע נויגונגען צום ידישן פאָלק און זיין צוקונפט — אומגעבראַכט געוואָרן דעם 12 אוגוסט 1952. דאָס איז געווען אַ בולט׳ר שריט פון דעם גרויזאַמען דיקטאַטאָר סטאַלין אויסלעשן דאָס יידישע ליכט אין ראַטן פאַרבאַנד און אָפּ־ווישן יעדן שפור פון נאַציאָנאַלער יידישער מחשבה.

15 יאָר זענען אַריבער פון יענעם ברוטאַלן בלוטיקן טאָג, און קיין קלאָרע באַשרייבונג אָדער באַריכט זענען ניט פאַרעפנטליכט גע־וואָרן,הגם די אַלע אומגעקומענע יידישע שריפט־שטעלער האָבן זוכה געווען צו אַ רעהאַבילי־טאַציע נאָך סטאַלינ׳ס טויט און זענען אריינגע־נומען געוואָרן אין דער נייער רוסישער ענציק־לאָפּעדיע. די טראַגעדיע איז געבליבן פאַרדעקט, ווי אַ סך אַנדערע געשעענישן אין סטאַלינ׳ס צייטן, איבערהויפט פון יידישן לעבן אין רוס־לאַנד.

פרץ מארקיש איז געבוירן אין שטעטל פּאַלאנע (וואָלין). שוין אַלס יינגל האָט ער אַרויסגעוויזן שרייבערישע פעייקייטן. די רעוואָלוציע האָט אים פאַרכאַפּט און איבערגעטראָגן אין ווייטע שטעט ביז ער איז בארימט געוואָרן אַלס גרויסער שריפטשטעלערישער כוח אין רוסלאַנד.

אין זכרון פון שרייבער די שורות מאָמענטן פון באגעגנישן מיט פרץ מארקיש. אין 1917 נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן מיר איינגעאָרדנט אין טשודנאָוו אַ ליטעראַרישן אָוונט אויף וועלכן אהר׳ל זאלאטאר, פון טשודנאָוווער משכילים, האָט פאָרגעשטעלט און אָפּגעשאַצט דעם יונגן וואָלינער ידישן דיכטער פרץ מארקיש און זיינע שאַפונגען. נאָך אים האָט רעפערירט מארקיש און פאַרגעלייענט פון זיינע שאַפונגען: „די אַ שטארקן איינדרוק אויף די טשודנאָוווער ידן איבערהויפט יוגנט, וועלכע האָבן איבערגעפילט דעם לאָקאַל פון די פייער-לעשער.

נאָכן ארויסטריט האָבן מיר פארבראכט מיט מארקישן פריוואט עטלעכע שעה און געהערט פון אים פאַרלייענען „דאָס טעלערל פון הימל״ און אנד. לידער.

נאָכדעם האָב איך זיך באגעגנט מיט מארקישן אין 1922 אין ביאַליסטאָק, ווען ער איז אויפגעטראטן אין פּאַלאַסט טעאַטער. איך האָב אים דערמאָנט דעם ליטעראַרישן אָוונט אין טשודנאָוו און מיר האָבן זיך באפריינדעט. פון ביאַליסטאָק איז מארקיש געפאָרן קיין ווארשע און אנדערע שטעדט און אומעטום געהאַט הצלחה. מארקיש האָט באזוכט אויך ארץ-ישראל.

צום לעצטנס איז ער אריבער קיין סאָוויעטן רוסלאַנד און דאָרט איז איבערגעריסן געוואָרן זיין שאַפונג.

✶

צום 70 יעריקן געבורטס-טאָג פון פרץ מארקיש איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער רוסישער צייטונג „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״ פון 11.12.1964 אַ נאָטיץ וועגן אַ ליטעראַרישן אָוונט צו זיין אָנדענק וואָס איז איינגעאָרדענט געוואָרן אינם צענטראַלן ליטעראַטן הויז פון די שרייבערס אין מאָסקווע. דער פאָרזיצער ס. גראַבּטשאַטאָוו האָט געהאַלטן אַ אָפּשאַצונג פאָרטראַג און אהרון ווערגעליס, רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, האָט געשילדערט דעם אופן דיכטן און שרייבן פון פרץ מארקיש — סוראַקאָוו. דער שרייבער ליפקין האָט דערציילט פון זיינע באַגעגנישן מיט מארקישן און וועגן מארקישעס ווערק אין אַנדערע שפּראַכן. ו. לעוויק און מ. קאזאקאָוו האָבן פארגעליינט בריוו פון איליאַ ערענבורג און סלאָנימסקי, וועלכע האָבן ניט געקענט קומען צום אָוונט.

ה׳ ס. בענציאנאָוו (בנציונוב), אַ אַרבעטער אין אַ פאַבריק אין פאַלאָנע, האָט געמאָלדן אַז דער ראַט פון שטאָט פאַלאָנע האָט באַשלאָסן רופן די גאַס „נאָבערז׳נאיאַ״ מיטן נאָמען פון פרץ מארקיש. א. קאמינקא, א. גונטער, א. טארקאָווסקי און דער זון פון מארקיש האָבן פאָרגעליינט מארקישעס שאַפונגען אין רוסיש און ידיש.

**אליהו דליגאַטש**

# אליהו גאלדנבערג

אליהו גאָלדנבערג, פון ביעלאָזערקע, וואָלין, האָט צוזאָמען מיט די קינסטלער ש. רודענסקי און ש. סעגאַל געשפּענדעט אַ אָוונט „קליינע מענטשעלעך״ פון שלום עליכם לטובת היכל וואָלין. צו זיין אָפּפאָר אויף גאַסטראָלן אין אַמעריקע ברענגען מיר דאָ אַ אַרטיקל וועגן אים פון עסייאיסט און זשורנאַליסט ה׳ אורי קיסרי, פאָרזיצער פון זשורנאַליסטן פעראיין אין ישראל.

כ׳באַגעגן אים אַ מאָל ביים אריינגאַנג צו פרעמיערע-פאָרשטעלונגן; אַ מאָל ביים ארויסגיין. אין בײדע פאַלן דער זעלבער געשטאַלט, דער זעלבער אליהו גאָלדנבערג, די ברענענדיקע אויגן אינם ערנסטן געזיכט. אויגן וואָס דרונגען דיך אַדורך מיט אַ מח-

שבות׳דיקן בליק, ווי ער וואָלט זאָגן: „אַ נו, פּרווו מיך. כ׳האָב ניט וואָס צו באַהאַלטן. כ׳בין ווי געווען און אַזוי וועל איך בלייבן״.

די צוויי מאָל אין וועלכע כ׳האָב אים לעצטנס באַגעגנט זענען געווען כמעט סימבאָליש. איין מאָל בעת דער פאָרשטעלונג „שווער צו זיין אַ ייד״ אין „הבימה״ און דאָס צווייטע מאָל אין „חמאם״, ווו מ׳האָט געשפּילט „די מגילה״ פון איציק מאַנגער. סימבאָליש — ווייל דאָס איז זיין תחום, זיין קלימאַט. די מלוכה פון דעם וואָס היט אָפּ דעם טליענדן פונק, ווי כ׳האָב דעם כבוד אים רופן. כ׳מיין דאָס „יידישקייט״ פון וועלכע ער זויגט און וויל איר קיינמאָל ניט פאַרגעסן.



„הייסט׳ס״ — האָט ער געזאָגט זיך איילנדיק אויף איינע פון די צוויי פאָרשטעלונגען — „הייסט׳ס, מיר קערן זיך צוריק צו דער פאַרגאַנגנהייט, מ׳הויבט אָן זיך דערמאָנען אינ׳ם עבר, מחייה נפשות!״

כ׳בין מודה, אַז כ׳האָב זיך ניט געכאַפּט באַלד וואָס ער וויל זאָגן. גוטע שוישפּילער, און אליהו גאָלדנבערג איז אַ שוישפּילער פון זייער אַ הויכער ניוואָ, גוטע שוישפּילער דערלאַנגען דיר כמעט תמיד אַ ביסל אַ פאַרנעפּלטן געדאַנק, כדי אויך דיין בלוט־שטראָם, דיין מוח, זאָלן האָבן וואָס צו טון. כ׳מיין אויך אַז די געציילטע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן מיט אַ ביסל פאַרזיכטיקער איראָניע. אַזוי צו אַזוי, כ׳האָב אויפגענומען זיינע ווערטער גוטמוטיק. אליהו גאָלדנבערג, דעם מתמיד און אויסגעהאַלטנסטן פון אַלע אונדזערע טעאַטער־קינסטלער, איז דערלויבט צו זאָגן וואָס ער וויל בנוגע דאָס „פּינטעלע ייד״ וואָס ער היט אָפּ ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון זיין אויג.

*

אויף דער פראַגע פאַרוואָס גאָלדנבערג בעטייליקט זיך ניט פון צייט צו צייט אין אַ וועלכע ס׳איז פאָרשטעלונג אין איינעם פון די ישראל׳דיקע אַנסאַמבלען — האָב איך אַ גרייטן ענטפער. אליהו גאָלדנבערג איז צו שלמות׳דיק טיף אין זיין נשמה כדי איר צעברעקלען און איר איינהילן אין גרים און קליידער פון טעאַטער־קוליסן. זיין קאַרידאָר וואָס פירט אין טעאַטער אַז **ליטעראַטור**. כדי ער זאָל אריין אין וועמענס ס׳איז הויט און גייסט מוז ער צוערשט זיין אין אים פערליבט, גלויבן אין אים און זיך באהעפטן מיט אים. דאָס איז די סיבה וואָס שטענדיק, ווען ער טרעט אויף פאַרן פובליקום זעען מיר פאר זיך דעם ערנסטן קינסטלער וואָס ווילט זיך ניט מיט דער קונסט, ער **לעבט** די קונסט. דערפאר איז ער אויך דערציערייש. דערפאר איז ער תמיד, סיי אין ראַדיאָ, סיי ווען ער טייטשט אויס שלום עליכמ׳ן, סיי ווען ער טראָגט אונדז אונטער אַ טעאַטראַלן פערל פון די רייכע גרובן פון טעאָדאָר הערצל׳ס שריפטן, ש״י עגנון אָדער ח. נ. ביאַליק — תמיד ענטפּלעקט זיך זיין פערזענליכקייט ווי איין גאַנצקייט וואָס האָט ניט קיין ממלא מקום. און איך זע ניט קיין ממלא מקום, אין זיין ניוואָ, וואָס זאָל אים פערטרעטן.

גאָלדנבערג האָט אויך ניט פארגעסן די יוגנט, ער איז געגיין צו דער יוגנט, אין

די שולן, אין די הויפן. ער האָט פאַר זיי געמאָלן פרעסקעס מיט שפּראַך און ווערטער אָנשטאָט מיט פאַרבן און פּענזל. און אַזוי, פון כתריאלעווקע און „קליינע מענטשעלעך״ ביז חסידות און אומקום און אויפשטאַנד פון געטאָס — האָט ער ניט פאַרלאָזן זיין וועג און זיין גלויבן. דער גלויבן פון שומר פון דער קויל וואָס גליט נאָך. פאַרוואָס זענען אַזוי אונאָריגינעל, אַזוי־ניט־בראַוו די מענטשן וואָס פאַרטיילן ביי אונדז דעם „ישראל־פּרייז״ ? אויף וואָס וואַרטן זיי ? גאָלדנבערג קריגט דעם ישראל־פּרייז — איז פּונקט ווי ס׳קריגט אים דער טרעגער פון מסורת אליין.

מיר לעבן אין אַ תקופה אין וועלכער טוביה פון שלום עליכם מישט די מילך מיט „קאָקאַ־קאָלאַ״; מיין גלענצענדער פריינט דן בן־אמוץ גיסט די נאָסטאַלגיע נאָכן עבר אין טויזענטער קליינע פלעשעלעך און פאַרקויפט זיי פאַר געלט מענטשן וואָס ביינקען מיטן גאַנצן האַרצן צום עבר; אליהו גאָלדנבערג מישט ניט די מילך מיט וואַסער; ער גיסט ניט זיינע טרערן אין פלעשלעך. ביי אים איז׳ס יין משומר.

**אורי קיסרי**

# משה מאיר הורוויץ

אַ ייד אַ תלמיד־חכם, אַ ידישער אידעלער אינטעליגענט איז געווען הורוויץ, געבוירן אין יאָר 1877 אין זשיטאָמיר. זיין פאָטער



משה מאיר הורוויץ ז״ל

ר׳ יעקב הלוי הורוביץ שטאַמט פון של״ה הקדוש, איז געווען אַ באַוווּסטער וואַלד־סוחר און אָנגעזעענער מענטש אין זשיטאָמיר. יאָרן לאַנג האָט דער יונגער הורוויץ פאַרבראַכט אין זשיטאָמיר אין אַ טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַלער אַטמאָספערע אין זיינע עלטערנס הויז, לערנענדיק ביי די בעסטע לערעס אין זשיטאָמיר.

נאָכן פאַרענדיקן דאָס מיליטער דינסט אין דער צאַרישער ארמיי (אין די לעצטע יאָרן פון פאַריקן יאָר־הונדערט) האָט זיך הורוויץ איבערגעגעבן די וואַלד־געשעפטן פון זיין פאָטער, ספּעציאַליזירנדיק זיך אינעם פילפאַכיקן האַנדל און גע׳שמט אַלס באַרימטער וואַלד־סוחר אין פּוילן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין יאָר 1909 האָט הורוויץ חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ר׳ בעריש שאַץ אין ראָוונע (פון דער באַוווּסטער משפחה יעקב־ליאָוועס) בלומע. אַ קורצע צייט האָבן זיי געוווינט אין ראָוונע און דאַן אריבער ווינען אין לעמבערג, וווּ ער איז גיך באַקאַנט געוואָרן און געוויילט געוואָרן אין ראַט פון דער אָרטיקער קהילה, פאַרטראַטן אין „בני ברית״, פיגורירט אין די ציוניסטישע קרייזן און זיך באַטייליקט אין אנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ברייטער שטיצע אין אַ סך פאַלן און געלעגנהייטן און איז באַליבט געוואָרן אין לעמבערג.

באַזוכנדיק, צוזאַמען מיט זיין פרוי בלומע, ישראל אין יאָר 1933, האָבן זיי געקויפט באַדן אין חדרה און געפלאַנצט אַ פּרדס. שפּעטער האָט ער געקויפט אַ צווייטן פּרדס אין שומרון

און אַ הויז אין תל־אביב, גרייטנדיק זיך עולה זיין. זיינע געשעפטן האָבן זיך געפּירט גוט, די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן און דער חלום איז געווען — ארץ־ישראל.

די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן. די פּלענער זענען צעשטערט געוואָרן. די משפּחה איז צעשיידט געוואָרן. צוליב זיינע אונטערנע־מונגען איז ער פאַרבליבן אין לעמבערג—בערלין. ער האָט מיט גרויסע שוועריקייטן דערגרייכט קיין ווילנע, כדי פון דאָרט זיך דערלאַנגען קיין ארץ ישראל מיט זיין פאַמיליע (דאַן זענען נאָך געווען אויסזיכטן דערצו), אָבער ס'איז שוין געווען אוממעגלעך ארויס פון לעמבערג כדי קומען קיין ווילנע.

אַ פאַרביטערטער און צעבראָכענער פונעם פאַרלירן זיין פרוי, זין יוסף און יצחק מיט זיין טאָכטער גוטע, איז ער נאָך גרויסע שוועריקייטן אָנגעקומען איינער אליין קיין ארץ ישראל און זיך דאָ באַזעצט אין תל־אביב. זיין ירושה־הויז אין בערלין האָט ער באַוויזן באַצייטנס צו ליק־ווידירן און פאַרן געלט געקויפט אַ צווייטע הויז אין תל־אביב.

זיין צווייטע פרוי מלכה (מאַלבינאַ), די טאָכ־טער פון יצחק־מרדכי גולדמאַן (אַ באַוווסטע משפּחה אין בריסק) — האָט אים באַגלייט מיט אויסערגעוויינלעכע געטריישאַפט משך 20 יאָר, ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

הורוויץ האָט געהאַט אין תל־אביב אַ סך פריינט און ידידים. ער האָט זיך באַטייליקט אין „בני ברית" (לשכת פּרופ' שור), וואַלינער וועלט־פאַרבאַנד, ציוניסטישע און אַנדערע גע־זעלטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן. לעצטן יאָר איז הורוויץ געווילט געוואָרן אַלס ערן פּאַרזיצער פון זשיטאָמירער ארגון אין ישראל. ער האָט געשריבן זכרונות אין „ספר רובנה", אין „ילקוט ווהלין" געשטיצט פאַרשידענע אינסטיטוציעס, מקרב גע־ווען זיינע קרובים און גוטע פריינט, ליב געהאַט שמועסן וועגן עקאָנאָמישע פראַגן און פּאָליטיק.

אין י"ח סיון תשכ"ז (26.6.1967) איז הור־וויץ נפטר געוואָרן, נאָך אַ לענגערער קראַנק־הייט. אין זיין צוואה האָט ער אָפּגעשריבן 2 גרויסע הייזער און 140 דונאַם פּרדס פאַר קרן־קימת לישראל, וועלכע דאַרף די הכנסות פאַר־טיילן אונפאַרמעגלעכע סטודענטן פון אַלע הויכ־שולן אין ישראל אין משך פון 30 יאָר, נאָכדעם זאָל דאָס פאַרמעגן געהערן אינגאַנצן צו קרן־קימת. אויסער דעם האָט ער פאַרזאָרגט זיין פרוי און קרובים ווי אויך אַנשטאַלטן, צווישן זיי 8500 ישראלדיקע לירות פאַרן „היכל וואָלין" אין גבֿ־עתיים, פאַר דעם חדר־זכרון פון זשיטאָמיר, אין זיין אָנדענק.

שלום לעפרו!

**שמואל פּיסיוק**

# זלמן גערשפעלד

זיאַמע איז געווען אַ צענטראַלע פּערזענלעכ־קייט אין אָסטראָהא, גוט באַקאַנט פון זיין ציוניס־טישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, נאָכ־מער איז ער פּאָפּולער געוואָרן ווען ער האָט פאַרבונדן זיין גורל מיט דער באַקימער פאַמי־ליע. דאָס באַקימער־גערשפעלד הויז איז געוואָרן איינס פון די ווייניקע הייזער אין אָסטראָהא, ווו עס איז געגרינדעט און געבילדעט געוואָרן דאָס ציוניסטיש, קולטורעל און געזעלשאַפטלעכע לע־בן אין שטאָט.

זיאַמע און זיין געטרייער שותף אין דער גע־זעלשאַפטלעכער ארבעט, — לייב שפּילבערג, — האָבן געגרינדעט די ערשטע צוויי ציוניסטישע געזעלשאַפטן אין שטאָט אין די יאָרן 1908־1909. שפּילבערג האָט געגרינדעט, צוזאַמען מיט זאב שולוואַג, ראַדאָשטשער און אַנדערע די געזעל־שאַפט „ציון", וואָס האָט וואָרבירט אירע חברים צווישן די תלמידים פון די העכערע קלאַסן פון דער ידישער רעגירונגס שולע. און זיאַמע האָט געגרינדעט, צוזאַמען מיט ש. טאָלפּין, פיינער און אַנדערע די געזעלשאַפט „מאַלאַדאַי יעווריי", וואָס אירע מיטגלידער זענען געקומען פון דער



**זלמן גערשפעלד ז״ל**

רוסישער גימנאזיע און שטודירנדער יידישער יו־גנט אין שטאט. אין פארלויף פון דער צייט האָ־בן זיך די צוויי געזעלשאַפטן פאראייניקט און געשאַפן די ערשטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַסטראָה.

נאָך דער לעגאַליזירונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע בעת דער פוילישער הערשאַפט, איז ער אריבערגעפאָרן מיט זיין פרוי מאַלאַ (מלכה) קיין ווארשע, ווו ער האָט פאָרגעזעצט זיין טעטי־קייט אין גרעסערן צענטראַל־מאַסשטאַב, ביז זיין עולה זיין קיין ארץ ישראל.

באלד ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן דער פולשטענדיקער חורבן פון אונדזער שטאָט אָס־טראָה און דער טראַגישער אומקום פון די טײַ־ערע אָסטראָהער יידן, האָט זיך זיאמע אוועקגע־שטעלט אין שפיץ פון אַ גרויסער, דרינגענדער רעטונגס אקציע אין די ראַמען פון ארגון ווהלין בכלל און פון אָסטראָהער קאָמיטעט בפרט, פאַר וועלכן ער האָט געדינט אלס לעבנסלענגלעכער פאָרזיצער און גייסטיקער פירער ביז זיין לעצטן טאָג. ער האָט אָנגעפירט מיט דער פאַראייביקונג פון אונדזערע קדושים אויף פאַרשידענע אופנים. צווישן אנדערע דאָס ארויסגעבן פונעם „פנקס אוסטראָה״, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אקציע פונעם אויפשטעלן דעם „היכל ווהלין״ אין אָנ־דענק פונעם וואָלינער יידנטום און איז געווילט געוואָרן אלס מיטגלידער פון ראַט פון וועלט־פאַרבאַנד. אויסער די אַלע לאָקאַלע טעטיקייטן איז ער אויך געווען אַ טיכטיקער מיטגליד אין דער ליגע פאַר קאַמף מיט טובערקולאָז, אין וועל־כע ער האָט מיטגעאַרבעט זינט איר אַנטשטיי־אונג ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

אַ גלענצנד קאַפּיטל געשריבן מיט בלוט פון זיין הארצן האָט זיאמע פאַרשריבן אין דער גע־שיכטע פון אָסטראָהער יידנטום ביי זייער לעבן און אומקום, דאָס איז זיין גרויס אויספירלעך אַרטיקל אין „פנקס אָסטראָה״, אָבער ער אליין איז געווען דאָס שענסטע קאַפּיטל, וואָס האָט זיך געלעזן מיט גרויס אינטערעס און ליבע.

**בן־ציון ח. אילון**

* * *

זיאמע איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכע פער־זענלעכקייטן, באַגאַבט און פעאיק, וואָס איז שטענדיק געווען טעטיק און באַשעפטיקט מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. די געזעלשאַפט האָט אַלע מאָל געוווסט דאָס אָפּצושאַצן.

פון די פריסטע יאָרן זיינע האָט ער ארויסגע־וויזן אַ מוסטערהאַפטע טעטיקייט אין דער ציו־ניסטישער באַוועגונג, אין דער צייט ווען די דאָ־זיקע אַרבעט איז נאָך געווען פאַרבאָטן לויטן צארישן געזעץ, וואָס האָט ניט דערלויבט די עקזיסטענץ פון קיין שום פּאָליטישער אָרגאַני־זאַציע. זיאמע, וועלכער איז דאַן קוים אַלט געווען אַכצן יאָר, האָט אויף זיך גענומען די שווערע רי־זיקע פון זיין אָפּיציעל אַ געזעץ־ברעכער. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אונטערערדישער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פון וועלכער ער איז געווען אַ קאָמיטעט־מיטגלידער.

באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין זיין טעטיקייט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלו־ציע, תיכף נאָך דער מלחמה. נאָכן שלום־אָפּמאַך מיט די סאָוויעטן, לויט וועלכן אָסטראָה איז צו־געטיילט געוואָרן צו פוילן, האָט ער געווידמעט זיינע בעסטע כוחות פאַרן אָרגאַניזירן די ציו־

ניסטישע טעטיקייט, ביים גרינדן די אנשטאַלטן פון דער באַוועגונג, די פאַנדן, דעם „החלוץ" און דג"ל. ספּעציעל האָט ער זיך געווידמעט דער אויפקלערונגס ארבעט צווישן די ברייטע קרייזן פון דער באפעלקערונג און צווישן דער יוגנט.

אויך איך, דער שרייבער פון די שורות, בין דורך אים צוגעצויגן געוואָרן און בין געווען איינער פון זיינע תלמידים. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אים צו דערקענען פון דער נאָ־ענט און באאיינפלוסט ווערן פון זיין ציוניסטי־שער טעטיקייט.

אָסטראָהער יידן אויף דער גאָרער וועלט האָבן אויפגענומען די טרויעריקע בשורה פון זיין טויט מיט גרויס צער.

**מיכל גרינעס**

# ר' יהודה ליב חיימאביטש ז"ל

דער רב ר' יהודה־ליב דער זון פון ר' שלמה חיי־מאביטש, ז"ל, איז געווען פון די אָנגעזעענסטע רעליגיעזע פּערזענלעכקייטן אין טשיקאַגאָ. אַ גרויסער לערנער — ער האָט פון רבנות ניט געוואָלט מאַכן קיין פרנסה, און זיך פארנומען מיט מסחר. מיט זיין געלד און איניציאַטיווע האָט ער אויפגעבויט אַ שול אין דעם נייעם יידישן קוואַרטאַל אין שיקאַגאַ, דאָרט האָט ער רע־פעריט, אויך אליין געלערנט און צוגעצויגן פיל יידן צום לערנען תורה.

מיט זיין איניציאַטיוו האָט זיך געעפנט אַ רעליגיעזע שולע ווו עס האָבן געלערנט יידישע קינדער תורה א. אז. וו. אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט מלחמה איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אלס אָנפירער פון הפועל המזרחי־בראַנש אין טשיקאַגאַ. אויך איז ער געווען אַק־טיוו אין דער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע פאַר יידי־שער רעליגיעזע דערציונג.

הרב חיימאוויטש איז געווען באוווסט אלס עסקן אין אַ סך צדקה אינסטיטוציעס און אליין געשטיצט פארשידענע ערציונג אנשטאַלטן אין שיקאַגאַ און אין ישראל. ער האָט געשטיצט דעם רב כהנמנ'ס ישיבות אין בני־ברק און גע־האָלפן זאַמלען געלד פאַר דער „ישיבת פוני־וויז" אין בני־ברק.

ווייל זיין ווייב לאה, דעם שוחט שלום בוז־מאַנס טאָכטער, איז געווען פון אַ וואָלינער שטעדטל, באזאר (ר' שלום איז געווען אַ אָנ־הענגער פון ציוניזם און עמיגרירט קיין שי־קאַגאָ), האָט זיך דער רב חיימאביטש איינגע־שלאָסן אין די וואָלינער קרייזן אין צו די באַ־זארישע שטעדטישע, און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט העלפן אויפבויען דעם היכל וואָלין.

דער רב חיימאַביטש האָט באזוכט ישראל עטלעכע מאָל. אין זיין לעצטן באזוך, דאָס יאָר, האָט ער געפלאַנט זיך באַזעצן אין ישראל. אָבער דער גורל האָט גוזר געווען אנדערש — זייענדיק אין ישראל, פאַרברייטנדיק זיך אריי־בערקומען אַ הער אלס תושב, איז ער נפטר געוואָרן (ז'אדר א' תשכ"ז) אין עלטער פון 53 יאָר און איז געקומען צו קבר ישראל אין ירושלים.

**ארגון יוצאי באזאר**

# לאה יצחקי

די טאָכטער פון ר' בערל און גאָלדע שטערנ־בערג און פרוי פון שלמה יצחקי (איצאַקזאָן), פון טשודנאָוו. אַ אידעאַליסטישער טיפּ פון אַ חלוצה פון לעצטן יאָרהונדערט. זי איז געבאָרן און פאַרבראַכט די קינדער יאָרן אין אַ דאָרף באַבראָוקע ביי פּאַלאָנע און אנגעקומען אַ יונגע קיין ארץ־ישראל אין 1923 צוזאַמען מיט אַ גרו־פּע חלוצים פון אוקראַינע.

נאָכדעם ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט יצחקי, האָט זיך דאָס פּאַרפּאָלק באַזעצט אין ירושלים און אויפגעשטעלט אַן ארבעטנדע־חלוצישע משפּחה. זי האָט געאַרבעט אין שפּי־טאָל פון גב' יעלין, און יצחקי אלס בוי־ארבע־טער, שטרעבענדיק זיך באַזעצן אין אַ דאָרף. אַזוי זענען אריבער אַפּאָר יאָר ביז יצחקי האָט זיך איינגעשלאָסן אין מושב עין־ורד און לאה האָט

געוואָרט ביז דער משק וועט אויפגעבויט ווערן כדי אויך אריבער אַהין.

צוליב פאַרשידענע סיבות איז די ווירטשאַפט, וועלכע יצחקי האָט געבויט אין עין־ורד ניט



לאה יצחקי ז״ל

געלונגען און דאָס פּאָרפאָלק האט זיך אָנגעשלאָסן צו דער גרופּע פון שכונת בורוכוב המורחבת און זענען געווען פון די ערשטע וועלכע האָבן זיך באַזעצט אויף זייער באָדן אין שכונת בורוכוב ביי תל־אביב, אין יאָר 1935. פאַר לאה׳ן האָט זיך אנגעהויבן אַ נייע תקופה, זי, אַ מאַמע פון 2 קינדער — זהבה און אמנון — און אַ הויז ווירטן, האָט זיך איבער געגעבן מיט איר ליבע צו איר גאָרטן און אריין געלייגט אין אים אירע בעסטע פיזישע כוחות, דינענדיק אלס ביישפּיל פאַר אנדערע שכנים.

לאה איז געווען אַ גוטהאַרציקע און געטאָן טובות פאַר חברים און פריינט. זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר האַרציקייט דורך אריינעמען נויטבאַדערפיקע און איר הויז, לערנען אַנדערע דאָס גאָרטן־באַאַרבעטן, שטיצן אנשטאַלטן און דערציען אירע קינדער אין אידעאַלן — נאַציאָנאַלן גייסט. זי איז געווען אַ שטאַרק באַוווסטזיניקע און גענומען אנאַנטייל אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון איר שכונה אלע יאָרן. זי איז געווען אַן אמתע אשת־חיל.

מיטן אויפשטעלן דעם „היכל וואָלין" האָט זי מיט גרויס אינטערעס באַגלייט די אונטערנעמונג און געשטיצט אים געהעריק גלייך מיט איר מאַן שלמה און צוגעזאָגט זיך אָפּגעבן מיט זיין פירונג ווען ער וועט ארויסגעענדיקט ווערן. (איר נאָמען וועט פאַראייביקט ווערן אין „היכל וואָלין" דורך איר מאַן שלמה יצחקי).

לעצטע 2 יאָר האָט לאה געליטן פון קראַנקהייטן און געשטאָרבן אין ט״ז ניסן תשכ״ז.

כבוד איר אָנדענק!

**אליהו דליגאַץ׳**

# יעקב אביתר

צווישן די יידישע גבורים אין אונדזער תקופה וועט געדענקט ווערן יעקב אביתר ז״ל, דער געראַטענער זון פון זאב און הינדע אפּטער פון תל־אביב. ער איז אַלט געווען אַכט חודשים ווען זיינע עלטערן זענען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל פון דעם שטעטעלע האשטש אין וואָלין. ער האָט זיך דערצויגן אין חלוצישן גייסט ביי זיינע עלטערן און צווישן זיינע חברים. אין זיינע קינדער־יאָרן האָט ער זיך שוין אויסגעצייכנט מיט זיינע פעייקייטן און געווען זעלבסטשטענדיק. ער האָט געפונען זיין אָרט אין „הנוער העובד" (אַרבעטנדע יוגנט אָרגאַניזאַציע). ווען ער איז געוואָרן 16 יאָר, איז ער מיט נאָך חברים אריבער אין קיבוץ „מעוז", צו וועלכן ער האָט זיך צוגעבונדן און זיך גיך אַקלימאַטיזירט דאָרט און פאַרבליבן שפּעטער אלס חבר פון קיבוץ. דאָרט האָט ער געבויט זיין פאַמיליע־לעבן מיט זיין חבר׳טע נירה און געוואָרן איינער פון די טיכטיקע אַקטיווע, באַוווסטזיניקע און באַליבטע חברים.

זיינע עלטערן און חברים האָבן אים באַזוכט פון צייט צו צייט און ער, דער קיבוצניק, האָט

באהערשט שיינע מידות און סגולות פון פא־מיליע באציונגען און פריינטשאפט מיט יעדן אין קיבוץ און אויסערן אים.

אין די צייטן פון מלחמת השחרור, ווען יעקב איז נאך געווען יונג, איז ער געגאנגען מיט חב־רים אין אנדערע פלעצער אלץ „חיל מצב" צו באדינען, נאכדעם האט ער אויסגעפילט זיין פליכט אין מיליטער (צה"ל) און האט זיך אויס־געצייכנט. ער האט דערגרייכט זיין רב־סרן און געווען באליבט אויף העכערע און קלענערע פון אים. זיין נאמען איז געווען גוט באקאנט אין די שורות פון זיין איינהייט.

די לעצטע „זעקסטעגיקע מלחמה" האט אים ארויסגערופן פון זיינע פליכטן אין מעוז חיים און אים אוועקגעשטעלט אלץ „מפקד סיירת חטיבתית". ער האט זיך אריין געווארפן מיט אלע כוחות און פולע אנערקענונג אינם אויס־פילן זיין מיליטערישע פליכט. אין ערשטן טאג פון דער קריג, 5־טן יוני 1967, האט ער מאר־שירט פאראויס מיט זיין יחידה אין דער געגנט פון משולש. אויף מארגן, דעם צווייטן טאג פון דער קריג האט ער באדארפט דורך רייסן די וועג קיין שכם. ער איז פאראויסגעגאנגען און געזוכט פאראויסגעגאנגען און געווען קיין די באגלייטער „נאך מיר" (אחרי)!

א פלוצלינגע קוילן שיסעריי האט געטראפן יעקב'ן און ער איז געפאלן, ארויסרופנדיק: זעצט פאר!

אזוי איז געפאלן העלדיש דער טרייער זון פון פאלק יעקב אביתר אין עלטער פון 35 יאר פאר זיין פאלק און לאנד, איבערלאזנדיק צוזא־מען מיט זיין פרוי צוויי קליינע קינדער זין נדב און חגי.

**א. אבטיחי**

# ארנון־דוד גראבאוו

ארנון־דוד איז געקומען אין ישראל מיט זיי־נע עלטערן אין 1960, זייענדיק 12 יאר אלט, ער האט אנגעהויבן לערנען אין דער שולע אין נוה־עוז פ"ת ווו ער האט זיך ארויסגעוויזן אלס אויסגעצייכנטער שילער און ספעציעל אלס גוטער ספארטלער.

פון זיין פאטער יעקב גראבאוו דעם גע־וועזענעם פארטיזאן האט ער פון דער פריעסטער יוגנט אנגעזאפט שטאלץ און גבורה, און פון דער מוטער, וועלכע האט אדורכגעמאכט די מלחמה יארן אין ווארשאווער געטא, — דעם גרויסן ווילן פון שטעלן א ווידערשטאנד אלע שווערי־קייטן און פארטיידיקן דעם יידישן כבוד.

ווען ער איז אלט געווארן 18 יאר און ער איז גערופן געווארן צו מיליטער דינסט האט ער זיך געמאלדן אלס „צנחן" (פארשוטיסט). דערנאך האט ער אדורכגעמאכט א קורס אלס „קשר". זיין ערשטן פייער פרווו האט ער אדורכגעמאכט אין דער שטראף עקספעדיציע אויפן ירדנישן דארף סמוע.

ער איז באקאנט געווען אלס איבערגעגע־בענער חבר און זעלנער און א איבערגעגעבע־נער זון צו זיינע עלטערן, יעדע פרייע צייט, פלעגט ער פארברענגען אין קרייז פון דער משפחה.

אין א געשפרעך צווישן זיין מפקד מאיאר יחיאל אמסלם ז"ל און זיין פאטער, האט אים דער אויבנדערמאנטער אפיציר געזאגט, אז עס איז א כבוד צו זיין א קאמאנדיר פון אזעלכע זעלנער, זיין פאטער דארף זיין שטאלץ מיטן זון ארנון־דוד ז"ל.

אטאג פאר דעם אויסברוך פון דער מלחמה, האט ארנון־דוד נאך באוויזן צו רעדן טעלעפא־ניש מיט זייט מוטער, און ער האט געבעטן נישט טרוער'ן אויב עפעס וועט געשען, ווייל ער גייט פארטיידיקן א גערעכטע זאך און קיין אנדער פלאץ אויף דער וועלט האבן מיר נישט.

ער איז העלדיש געפאלן ביים אויפרייסן דעם פראנט אויף עזה אין דעם 1־טן טאג פון דער מל־חמה צוזאמען מיט זיין קאמאנדיר, דעם 5.6.67, אלט זייענדיק 19 יאר.

**ג. זאב**

# לאַנדסמאַנשאַפטן:

## פאַרבאַנד פון די אסטראהער אין ישראל

דער אסטראהער פערבאַנד, איינער פון די צענדליקער פערבאַנדן אין ישראל, עקזיסטירט פון נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע געראַטעוועטע פון די נאַציס און זיי האָבן זיך גענויטיקט אין הילף. דער ערשטער קאָמיטעט פון פערבאַנד האָט געטון אַלץ כדי צו אָרגאַניזירן די נויטיקע הילף. זייט דאַמאָלט אָרדענט אײַן דער קאָמיטעט יעדעס יאָר אין י״ד אלול אַ אזכרה אַוונט נאָך די אסטראהער קדושים און שמחת־תורה קלייבן זיך צונויף די אסטראהער לאַנדסלייט אין אַ זאַל אין תל־אביב צו „יזכור״ און צו אַ חברים באַגעגניש ביי געדעקטע טישן. די אסטראהער עסקנים האָבן זיך איבערגעצייגט אַז דאָס דערנענטערט מענטשן און הערצער, כדומה, למשל איין משפחה.

ס'איז פיל אויפגעטון געוואָרן דורכן קאָמיטעט מיטן ערשטן פאַרזיצער זלמן גערשפעלד ז״ל אין דער שפּיץ, פאַראייביקן די שטאָט און אירע יידן: ס'זענען געפּלאַנצט געוואָרן בוימער אין „יער הקדושים״ צו זייער אָנדענק; ס'זענען געדרוקט געוואָרן אַרטיקלען וועגן אסטראה אין „ילקוט וואָלין״; ס'איז ארויסגעגעבן געוואָרן אַ יזכור־בוך „פנקס אוסטראה״, רעדאַקטירט פון אוסטראהער עסקן און שרייבער ח. ב. אילון. (אַ צווייט בוך אין יידיש „ווען דאָס לעבן האָט געבליט״, רעדאַקטירט דורך מיכאל גרינעס איז דערשינען אין אַרגענטינע); די אוסטראהער אין ישראל און אין אַרגענטינע האָבן אויפגעשטעלט אַ צימער אין אַ אַנשטאַלט פאַר בלינדע אין ירושלים; דער אסטראהער פאַראיין איז צווישן די גרינדער פון וועלט פערבאַנד פון וואָלינער יידן און איז טעטיק לטובת דעם „היכל וואָלין״, אין וועלכן ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ „חדר זכרון״ אויפן נאָמען פון אסטראה און אירע קדושים. לערך 500 אסטראהער משפחות האָבן געשפּענדעט פאַר דעם ציל, אויסער שפּענדער אין אַמעריקע, אַרגענטינע און בראַזיל. צווישן די טיכטיקע עסקנים פון וועלט פאַרבאַנד געפינען זיך אסטראהער עסקנים, וועלכע פירן אָן מיט דער טעטיקייט פון פערבאַנד. דער איצטיקער פאַרזיצער פון אסטראהער קאָמיטעט, דער שרייבער פון די שורות, איז אַ חבר אין דער עקזעקוטיווע און סעקרעטאַריאַט און פאַרזיצער פון פאַראייביקונגס־קאָמיסיע. אין פאַרוואַלטונג פונ'ם פערבאַנד זענען פאַרטרעטן די אסטראהער פאַרשטייער: חיים פינקעל, אברהם פאנאר, בעלא טולפין, מרים אילון און פסח בראַכמאַן.

מיטן זאָרג פון פערבאַנד איז אסטראהער קהילה אַדאָפּטירט געוואָרן דורך דער שולע „עליות״ אין רמת־גן, אין שפּיץ פון וועלכער שטייט דער דירעקטאָר יעקב נאַרדמאַן. אין דער אַדאָפּטירונג פייערונג האָבן אַנטייל גענומען פאַרשטייער פון וואָלינער וועלט פאַרבאַנד, פון „יד ושם״, לערערס, עלטערן און די שילערס. די קינסטלערישע אויפטרעטונג פון די קינדער איז געווען בעגייסטערנד.

נאָכן טויט פון געוועזענעם פאַרזיצער זלמן גערשפעלד ז״ל, איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן דער אסטראהער קאָמיטעט. אלס פאַרזיצער איז געוויילט געוואָרן חיים פינקעל און אַלס וויצע פאַרזיצער און קאָנטראָלאָר — ה' אברהם פאנאר, קאַסירער ה' פסח בראַכמאַן, קאָמיטעט מיטגלידער: בעלא טולפין, מרים אילון, פרידה קאַלפאַניצקה, צפורה לינדהיימר, רבקה ווינשל (בלינדער), שרה צווייליך, שמואל גוטמן, יואל רובינשטיין, אליעזר פערטשוק און באריס ליכטענשטיין.

ס'ווערן געמאַכט לעצטענס פאַרברייטונגען צו אַ טרויער אַקאַדעמיע צו 25 יאָר פון אומקום פון די אסטראהער קדושים און צום פאַראייביקן זייער אָנדענק דורך „דפי הנצחה״ אין „היכל וואָלין״.

**חיים פינקעל**

# פארשידענע ארגונים

## דער ארגון וולאדימירעץ

עקזעסטירט שוין יאָרן און זאָרגט פאַר די גרעאַטעוועטע וועלכע קומען אָן קיין ישראל. דער ארגון האַלט אַ קאַסע פאַר הלוואות און שטייט אין פארבינדונג מיט אָפּשטאַמענדע פון וולאַדימירעץ אין דער וועלט, באַזונדער איז ער אָנגעבונדען צו דער וולאַדימיריצער סאָסייטי אין דעטרויט. דער ארגון האָט ארויסגעגעבן אַ יזכור־בוך דער קהילה און איר פארגאנגענהייט, אַ גע־העריקער מאָנומענט, וועלכער איז אָפּגעשאַצט געוואָרן. יעדן יאָר ווערט אָפּגעריכט אַ אזכרה־אָוונט די קדושים פון וולאַדימירעץ אין טאָג י״ד אלול. אין קאָמיטעט פון ארגון זענען פאַרטראַטן: סנדר אפלבוים, דוד בורקו, אליהו גמרניק, מרדכי גרושקו, יעקב מודריק, שרה פרוסט, פנינה צ׳ר־ניאק, יעקב קוץ, יצחק קאמין, יהושע קאנטור, שלמה רעזניק, חיים שווארצבערג און יוסף שפין.

דער אַדרעס: תל־אביב, רח׳ ויזל 7, ע״י ח. שוואַרצבערג.

## דער ארגון ראפאלאווקע, זשאלוצק און אליזערקע

די אָפּשטאַמענדע פון די 3 שטעטלאך זענען פאראייניקט אין איין ארגון אין ישראל. דער ארגון האָט אויפגעשטעלט אין קרית־חיים (נעבן חיפה) אַ שיינע שול אויפן נאָמען פון די קדו־שים פון די שטעטלאך און האָט געגרינדעט אַ גמילות־חסדים קאַסע, דורך וועלכער ס׳איז גע־געבן געוואָרן הילף נייע עולים צום זיך איינ־אָרדענען. די עסקנים פון ארגון באַמיהען זיך לעצטנס אַרויסגעבן אַ יזכור־בוך, וועלכער זאָל אָפּשפּיגלען דאָס לעבן און פאַרגאַנגענהייט פון די יידן אין די 3 שטעטלאך און זאָל דינען אַ דענקמאָל די קדושים פון דער שואה. דער ארגון איז פאַרטראַטן אין איגוד וואָלין דורך ה׳ יעקב וויינער, יצחק בראַט און י. גלון.

אַדרעס: תל־אביב, יד־אליהו, רח׳ לה־גרדיה 29, ע״י י. וויינער.

## דער ארגון זשיטאמיר און סביבה

צוריק מיט אַ יאָר האָט דער ארגון באַשלאָסן אויסוויילן דעם ה׳ משה הורביץ, געבוירן אין זשיטאָמיר און עלסטער אין ארגון, אַלץ ערן פאַרזיצער פונם ארגון. צום גרויס באַדויערן איז ה׳ הורביץ געשטאָרבן דעם 26 יוני 1967. כבוד זיין אָנדענק.

דער סעקרעטאַריאַט פון ארגון האָט צושיקט זיינע חברים אַ צירקוליאַר וועגן אַבאָנירן אויפן „ילקוט וואָלין״, אין וועלכע ס׳זענען איבער גע־געבן געוואָרן אינפאָרמאַציעס און אַ ווענדונג אויסצאָלן די פאַרפליכטונגען פאַרן „היכל וואָ־לין״, און זשיטאָמירער „חדר־זכרון״ אין אים.

אַדרעס: תל־אביב, רח׳ אבן־גבירול 180, ע״י י. טבצ׳ניק.

## דער ארגון ראָוונע

לעצטן יאָר איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דאָס טעטיקייט פונם ארגון. אויפן גרונט פון באַשלוס זאמלען 50,000 ל״י פאַרן „היכל וואָלין״ — איז שוין געזאַמלט געוואָרן 11,000 ל״י און ס׳ווערט פאַרגעזעצט די באַשטייערונג דורך אַ באַזונ־דער קאָמיסיע אונטער די לייטונג פון ה״ה יעקב זיידל, חיה לעדן, נחום מאַנעלזון און אַנ־דערע פעהיקע עסקנים. דער וועלט פארבאנד האָט באַשטימט אַ „חדר זכרון״ אויפן נאָמען פון ראָוונער קהילה און אירע קדושים. ראָוונע איז אויך פאַראייביקט געוואָרן דורך דער רעגירונגס שולע סביון־גני־יהודה. די ראָוונער אין אַמע־ריקע האָבן צוגעזאָגט שפענדן פאַרן „היכל וואָ־לין״ און זייער פרעזידענט מ׳ר יוסף סודאק האָט דער ערשטער געשפּענדעט 1000 דאָלאַר.

אַדרעס: תל־אביב, רח׳ לילינבלום 43, ע״י משרד „הכתב״ — ח. לעדן.

## דער ארגון טשודנאָוו

דער קאָמיטעט פונם ארגון דערוואַרטעט דאָס צוריקקערן פון זייער כלל־טוער מ׳ר ליאו טשעקוועער פון זיין רייזע קיין אַמעריקע.

די לעצטע חדשים זענען געמינערט געוואָרן פון ארגון: דער אַדוואָקאַט פישל פרונמאַן פון חיפה; פרוי בתיה גלנטרניק פון חיפה און פרוי לאה יצחקי פון גבעתיים, עהרע זייער אָנדענק.

דער ארגון פאַרבינדט זיך איצט מיט אַ שולע, וועלכע זאָל פאַראייביקן דער קהילה טשודנאָוו

און אירע קדושים. ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַ צימער „חדר זכרון״ אויפן נאָמען פון טשודנאָוו אין „היכל וואָלין״. אַלע טשודנאָווער שפּענדן פאַרן „היכל וואָלין״.

אַדרעס: רמת־גן, רח׳ ארלוזורוב 35, ע״י א. דליגאַץ׳.

## דער ארגון קאָלקי

דער צאָל פון די קאָלקער אין ישראל איז אַ קליינער און דער גרעסטער טייל פון זיי זענען אַנגעקומען נאָך דער שואה אין אייראָפּע. דער ארגון האָט אויפגעשטעלט אַ גמילות־חסדים קאַסע מיט דער הילף און דער מיטאַרבעט פון די ברידער זיגמונד און באָריס חייצ׳וק, וועלכע דינט און העלפט די קאָלקער נויטבאַדערפטיקע. דער קאָמיטעט האָט לעצטענס איינגעאָרדענט אַ פייערליכע אויפנאַמע דעם פאָרזיצער ה׳ דוד בוסליק צו זיין 70 יאָריקן יובילײ. אין דער געלעגנהייט איז אויסגעדריקט געוואָרן אַ געהעריקע אָפּשאַצונג דעם פאַרטיזאַן־גיבור אברהם בוסליק ז״ל (דער זון פון פאָרזיצער). אין „היכל וואָלין״ איז באַשטימט געוואָרן אַ „חדר זכרון״ אויפן נאָמען פון דער קהילה און אירע קדושים.

אַדרעס: תל־אביב, רח׳ ורמיזה 5, ע״י דוד בוסליק.

## דער ארגון מעזשיריטש

די טעטיקייט פונם ארגון ווערט פאָרגעזעצט נאָכן מינערונג פון איבערגעגעבנעם פאָרזיצער פון קאָמיטעט ה׳ פרידל גורנשטיין ז״ל. דער ארגון זאָרגט פאַרן איינאָרדנען זיך פון געראַטעוועטע און פירט אַ קאַסע פאַר גמילות־חסדים. צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט דער ארגון אַרויסגעגעבן אַ יזכור בוך צום אָנדענק פון דער שטעטל מיט אירע קדושים אין עברית און יידיש. דער קאָמיטעט זאָרגט פאַר באַשטימען אַ צימער — „חדר זכרון״ אין „היכל וואָלין״ אויפן נאָמען פון מעזשיריטש און ווערט געשטיצט צו דעם צוועק דורך די מעזשיריטשער אין קאַנאַדע און אַנדערע. אין גיכן וועט פאַראייביקט ווערן מעזשיריטש און אירע קדושים דורך אַ שולע אין חולון.

לעצטנס האָט דער ארגון אויפגענומען אין תל־אביב געסט פון ויניפעק (קאנאדע) מר׳ס רייזל גאַרפינקעל (פּרעזידענטן פון מעזשירי־טשער סוסייטי אין וויניפעק) מיט איר מאַן ניסל, און דער סעקרעטערן פון דער סאָסייטי מר׳ס פערע עפּעל מיט איר מאַן יהושע, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן שאַפן דער גמ״ח קאַסע פון ארגון און זענען אַקטיוו אין דורכפירן דער אַקציע פאַרן „היכל וואָלין״ צווישן די מעזשיריטשער. צו דער פייערלעכער אויפנאַמע זענען געקומען כמעט אַלע מעזשיריטשער אין ישראל און ס׳איז אויסגעדריקט געוואָרן אַ האַרציקער דאַנק און אַ געהעריקע אָפּשאַצונג די געסט און זייערע מיטהעלפער אין קאַנאַדע.

צו דער יערליכער אזכרה אין ישראל קומען אַלע מעזשיריטשער מיט זייערע פאַמיליעס און האַלטן אָפּ ביי דער געלעגנהייט אַ אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

אַדרעס: מושב מעש ע״י פתח־תקוה, אצל ישראל סבוראי.

## אפּטיילונגען פון וועלט פארבאנד

### חייפער אָפּטיילונג:

לויטן לעצטן באַריכט האָט דער איגוד עולמי אין חיפה דורך זיין אָפּטיילונג זיך געשטאַרקט. איבערהויפּט האָט ער באַוויזן באַשטאַייערן די וואָלינער אין חיפה און די אַרומיקע ישובים. ס׳ווערן אָפּגעהאַלטן באַגעגנעשן מיט לי וואָלינער אין געגנט (פון קאָוועל, אוסטרע, ראָוונע, דרוקשאפאל און אנד.) עס זענען דאָ אויסזיכטן אויף קענטיקע רעזולטאַטן פאַרן „היכל וואָלין״ אין חיפה׳ער געגנט. פון די אָנפירער פונ׳ם אָפּטיילונג זענען לעצנס געווען אַקטיוו די עסקנים מאשה הינוך, גאלקין, מרדכי ארליך און אַלע געוויילטע אין קאָמיטעט.

אַדרעס: חיפה, הר הכרמל, ר׳ דוד פינסקי 31, ע״י מ. הינך; און: חיפה, שכ׳ קרית־אליעזר, רח׳ דרור 32, ע״י מ. ארליך.

### ירושלימער אָפּטיילונג:

דער אָפּטיילונג טרעט איצט צו באַנאייען זיין טעטיקייט און מאַכט פאַרברייטונגען צו אַ באַגעגניש פון וואָלינער אָפּשטאַמענדע אין ירושלים. לויט ידיעות וועט דאָרט פאָרגעזעצט ווערן דאָס באַשטאַייערונג און ס׳וועלן אויסגעפירט

ווערן די „דפי הנצחה" און „שלטי אזכרה" צום פאראייביקן פארלארענע דורכן „היכל וואלין".
אדרעס: ירושלים, שכ׳ קרית משה 2, ע"י ז. זילבערשטיין.

## ידיעות און באגריסונגען

די ארגאניזאציאנס קאמיסיע פון וועלט פאר־באנד (איגוד עולמי) מעלדעט: אז די ביורא פון איגוד עולמי איז איבערגעפירט געווארן פון 16 אפריל 1967 אין ביאליק גאס נומער 8, תל־אביב (אין דער התאחדות יוצאי ברית המועצות) און איז אפן אין די אוונטן פון זונטאג, דינסטאג און דאנערשטאג פון 6 ביז 9. פאסט־קאסטן — ת. ד. נומער 2540.

געלד חשבון אין בנק הדואר (צו געלט אי־בערשיקן): תל־אביב, נומער 47985, איגוד עול־מי של יוצאי ווהלין.

---

א גאס אויפן נאמען פון די וואלינער קהילות און קדושים אין גבעתיים איז באשלאסן געווארן דורך די שטאט פארוואלטונג גבעתיים אנרופן צום אנדענק פון די חרוב׳געווארענע קהילות פון וואלין און זייערע קדושים. דער איגוד וואלין האט פארגעלייגט דער גאס ווו ס׳איז אויפגעבויט דער „היכל וואלין".

---

די בוי קאמיסיע פונם „היכל וואלין" מעל־דעט, אז ס׳איז פארענדיקט געווארן די בוי אר־בעט פונם סקעלעט פון בנין און עס זענען שוין צוגעגרייט געווארן די פלענער צו די אינערלעכע ארבעטן פארן ארויסענדיקן דעם „היכל וואלין".

---

● ס׳אט דערשינען אין ניו־יורק דער בוך „די ידישע ווידערשטאנד באוועגונג אין פוילין 1941־1945" פון נ. קאנטראוויטש, א ווערטפולע זאמלונג און באשרייבונג. א קענטיקער טייל פון בוך פאר־נעמען געשעהענישן און קאמפף־דערציילונגגן פון פארטיזאנער אויף וואלין. (זעה דעם ארטיקל פון נ. קאנטאראוויטש אין דעם זאמלבוך „ילקוט וואלין", נומער 22, זייטן 25־28).

---

● אין תל־אביב האט דערשינען דער בוך „פון בוג ביז פיעטשארא", וויכטיגע באשרייבונגען פון י. יחיאלס (י. וויינגארטן) פון ראפאלאווקע.

● עס געפינען זיך אין דרוק און וועלן אין גיכן דערשיינען יזכור־ביכער פון די וואלינער קהילות: קאסטאפאל, טרוביץ־אוסטרוז׳יץ, שומסק, טוטשין און ראקיטנע.

## אין דער פעדעראציע פון די וואלינער יידן אין אמעריקע

די טעטיקייט פון דער פעדעראציע האט זיך לעצטנס קענטיק פארברייטערט. ס׳זענען צוגע־קומען עסקנים פון סאסייטעס און שפענדער פון פארשידענע ערטער לטובת דעם „היכל וואלין". די עקזעקאטיווע פון דער פעדעראציע האט גענו־מען א אנטייל אין דעם קאמפיין פאר העלפן ישראל (דורך באנדס און שפענדונגען) נאך דער לעצטער 6 טעגיקער מלחמה און האט מאבילי־זירט דורך אירע עסקנים לערך 40 טויזנט דאלאר. די אקציע ווערט נאך פארגעזעצט. אין מאי—יוני האט די פעדעראציע אויפגענומען דעם חשובן גאסט פון ישראל ה׳ אריה אבטיחי, פון די גרינ־דער פונם וועלט פארבאנד און זיין גענעראל סעקראטער. ער האט זיך באטייליגט אין עט־לעכע באגעגנעשן מיט ארטיקע עסקנים און פריינט פונם „היכל וואלין". די פעדעראציע האט פארעפנטלעכט איר באשלוס צו זאמלן פארן „היכל וואלין" לפחות 125 טויזענט דאלאר.

איצט גרייט זיך די פעדעראציע עפנען, נאכן איבעררייס, פון ס׳ניי איר רעגולערע טעטיקייט און געלט זאמלונג פארן „היכל וואלין".

## קאנאדע

צוריק מיט א האלב יאר איז רעגיסטרירט געווארן אין מאנטרעאל די פעדעראציע פון וואַ־לינער יידן פארן „היכל וואלין" און האט אנ־געהויבן איר טעטיקייט פארן „היכל וואלין". אין שפיץ פון דער פעדעראציע שטייט דער עסקן מר׳ שלום גאמער (פון ראוונע). ס׳האבן באזוכט די פעדעראציע די עסקנים מר׳ ליאו טשעקאווער, מר׳ בצלאל קרעוועגס און שמואל קארן. ס׳איז צו האפן אויף געוווגשענע רעזו־לטאטן פון קאנאדע.

# באגריסונגען:

די פעדעראַציע פון וואָלינער יידן אין אַמעריקע באַגריסט מדינת ישר־אל און עם ישראל צו דעם גרויסן נצחון איבער די שונאים פון בית־ישראל.

געבענטש זאָלן זיין צה״ל — די ישראל העלדישע ארמיי, די פאַרטיי־דיקער פון מדינת ישראל, באַשיצער פון יידישן כבוד און פארזיכערער דאָס קיום פון יידישן פאָלק.

די פעדעראַציע פון די וואָלינער יידן אין ניו־יאָרק, דריקט אויס צו אַלע וואָלינער יידן אויף דער גאָרער וועלט אירע האַרציקע גרוסן צום גלענצנדן נצחון פון מדינת ישראל און ווינשט זיי אלעמען צום נייעם יאָר תשכ״ח שלום, געזונד, אחדות און הצלחה.

## פרעזידיום:

מ׳ר און מר׳ס נ. פירער
״ ״ ״ מ. ד. בעל
״ ״ ״ ד״ר מ. י. גיבער
״ ״ ״ ס. (כ.) קריוונס
״ ״ ״ ס. שניטער
״ ״ ״ מ. טובלין
״ ״ ״ מ. צוקערמאַן
״ ״ ״ י. אלבירט
״ ״ ״ ס. מעלניק
״ ״ ״ מ. גילבערג
״ ״ ״ א. גערשענזאָן

## אדמ׳ קאמיטעט און דירעקט׳:

מ׳ר און/מר׳ס א. געפטער
״ ״ ״ ה. גריפמאַן
״ ״ ״ א. סקלאַוווער
״ ״ ״ ס. מיכשער
״ ״ ״ ס. מאַסגאַל
״ ״ ״ ד״ר י. ל. טובלין
״ ״ ״ ב. אבעל
״ ״ ״ מ. כץ
״ ״ ״ ק. קארש
״ ״ ״ ד. שיינטאוב
״ ״ ״ י. וואלמאַן
״ ״ ״ פ. זאפראַן
״ ״ ״ ב. משאַפניק
״ ״ ״ ה. עדעלסבערג
מיס ס. ערליך
מ׳ר און מר׳ס א. פינקעל
״ ״ ״ י. פעלדמאַן
״ ״ ״ נ. פרידמאַן
״ ״ ״ נ. פראַנקפורט
״ ״ ״ ב. געלערשטיין
״ ״ ״ ל. גינזבערג
״ ״ ״ ה. גאלדמאַן
״ ״ ״ י. גאלדבערג
״ ״ ״ א. גארבער

מ׳ר און מר׳ס א. האלפערין
״ ״ ״ ב. העלבאַן
״ ״ ״ ס. קוטשער
״ ״ ״ ס. קרעדיטאָר
״ ״ ״ ה. פרעזענט
״ ״ ״ ו. פילץ
״ ״ ״ פ. פערלמוטער
״ ״ ״ ב. ראזען
״ ״ ״ י. שיפרים
״ ״ ״ א. סאקאל
״ ״ ״ ב. שערמאַן
״ ״ ״ ג. שטיינקרוג
״ ״ ״ ג. סקלאַר
״ ״ ״ ס. טיש
״ ״ ״ ב. טעפער
״ ״ ״ ח. זארוצקי

## עקזעקוטיווע:

מ׳ר און מר׳ס ב. אפטעקער
״ ״ ״ מ. באַס
״ ״ ״ א. בלוטפעלד
״ ״ ״ ל. גאַנער
״ ״ ״ ה. דובען
״ ״ ״ ז. דוק
״ ״ ״ ב. עלפמאַן
״ ״ ״ פ. פיינשטיין
״ ״ ״ ס. פירער
״ ״ ״ נ. פירער
״ ״ ״ ל. י. פירער
״ ״ ״ ב. פארור
״ ״ ״ י. געווירץ
״ ״ ״ מ. גראַסמאַן
״ ״ ״ ה. האלפער
״ ״ ״ ה. כץ
״ ״ ״ ש. קאַרן
״ ״ ״ פ. לערנער
״ ״ ״ ד״ר ט. לעשנער
״ ״ ״ ה. מאַסטישקער

מ׳ר און מר׳ס א. מעררא
״ ״ ״ ד. מייזלער
״ ״ ״ ד. מילשטיין
״ ״ ״ ס. מילשטיין
״ ״ ״ א. י. פרעזענט
״ ״ ״ א. פאלאַטשעק
״ ״ ״ מ. ראבין
״ ״ ״ ש. רובין
״ ״ ״ ה. ראַכוואַרגער
״ ״ ״ מ. רויטמאַן
״ ״ ״ ד. רוטענבערג
״ ״ ״ ס. שוואַרץ
״ ״ ״ י. שאַנגאָלד
״ ״ ״ א. שיינטאוב
״ ״ ״ ש. סלוצקי
״ ״ ״ י. סודאק
״ ״ ״ י. טיש
״ ״ ״ א. ר. ווינטראוב
״ ״ ״ ס. צימערמאַן.

## ערן קאמיטעט:

ל. משעקוועד
י. דאבעקירער
י. פינקעל
א. גודמאַן
רבי ד״ר ס. ז. גלאזער
ב. געבינער
ר. געבינער
א. גרינבערג
י. האָניק
א. כץ
רבי ד״ר מ. נ. קערצער
מ. מ. קאלארי
א. שייקעס
ב. סמאלאר
פרופ׳ ב. וואַנריב
רבי ש. וואלקין
רבי ד״ר א. ווערטהיים
רבי פרופ׳ מ. צוקער.

**דער וועלט פאַרבאַנד פון די וואָלינער יידן שיקט וואַרימע ברכות צום נייעם יאָר תשכ״ח:**

מדינת ישראל און איר ממשלה
יידישע אַגענץ — הסוכנות היהודית
צה״ל — צבא הגנה לישראל
יידישן וועלט קאָנגרעס
יד ושם, ירושלים
פעדעראַציע פון וואָלינער יידן אין אַמעריקע
פעדעראַציע פון וואָלינער יידן אין קאַנאַדע
וואָלינער קאָמיטעט אין פראַנקרייך
וואָלינער קאָמיטעט אין בראַזיל
וואָלינער קאָמיטעט אין אַרגענטינע
אַלע וואָלינער ארגונים און סאָסייטעס
מיטגלידער פון ערן קאָמיטעט פון ראַט, פון פאַרוואַלטונג, פון פרעזידיום, פון קאָמיסיעס, עסקנים, מיטהעלפער און שפענדער צום אויפבויען דעם „היכל וואָלין״
אַלע וואָלינער און כלל ישראל אויף דער גאַנצער וועלט.

**שנה טובה,**
**שנת שלום,**
**שנת גמר בנין „היכל וואלין״.**

---

## לעירית גבעתיים

ליושב ראש מר **י. קרייזמן** ולסגניו
לחברי ההנהלה והועדות,
לחבר העובדים
ולכל תושבי גבעתיים

**ברכות מאליפות לשנת תשכ״ח**

**איגוד עולמי של יוצאי ווהלין**

---

**די רעדאַקציע „ילקוט וואלין״**
באַגריסט האַרציק די פריינט:
מר׳ס און מ׳ר **ניסן פירער,** ברוקלין
מר׳ס און מ׳ר **בצלאל קריוונס,** ברונקס
מר׳ס און מ׳ר **יעקב אלבירט,** ברוקלין
און דאַנקט פאַר זייער מיטהילף צום ארויסגעבן דעם ילקוט.

**לשנה טובה תכתבו ותחתמו!**

### בראַזיל

נאָך פאַרברייטונגען, האָבן די וואָלינער עסקנים אין בראַזיל אויפגעשטעלט דעם וואָלינער קאָמיטעט, וועלכער זאַמלט מיטלען פאַרן „היכל וואָלין״ און פאַרשטאַרקט זיין פאַרבינדונג מיט דער צענטראַלע פון וועלט פאַרבאַנד אין ישראל. די ערשטע געזאַמלטע געלדער זענען שוין איבעגעפירט געוואָרן צום וועלט פאַרבאַנד מיט צוזאָגן פאָרזעצן די אַקציע.

### אַרגענטינע

די וואָלינער עסקנים פון קאַוועל, אָסראַה און אַנדערע שטעט אין אַרגענטינע, האָבן ענדליך זיך אָרגאַניזירט און טוען ענערגיש לטובת דעם „היכל וואָלין״. זייערע פאָרשטייער ה״ה חרק און ווערבאַ, וועלכע האָבן באַזוכט לעצטנס ישׂראל, האָבן זיך פאַרפליכטעט שאַפן מיטלען פאַרן אויסענדיקן דעם „היכל וואָלין״, וועלכער באַפרידיקט זיי. די ערשטע שפענדונגען זענען שוין אָנגעקומען פון אַרגענטינע.

**דעם גרינדונג ביבליאָטעק אין „היכל וואלין״ —**

די קולטור קאָמיסיע פון וועלט פאַרבאַנד, האָט אָנגעפאַנגען זאַמלען ביכער פאַר דער ביבליאָטעק, וועלכע ווערט געגרינדעט אינם „היכל וואָלין״ אין אָנדענק פון דער פאַמיליע טשעקאָווער פון טשודנאָוו. די ערשטע ביכער־שפענדונג איז אַריין געקומען פון ל. און ט. טשעקאָווער, פון ב. וועסט, (אָנדענק זיין פאָטער ר׳ הערץ וועסט ז״ל), די ביבליאָטעק פון פאַרשטאָרבענער שיינדל האָפמאַן ז״ל, פון פנינה ואריה אבטיחי, פון משפחה פריצקר, משפחה דליגאַטש, ש. פיסיוק, גב׳ ארגוב און ז. גרבוב. לעצטענס האָט צוגעזאָגט דער מעצענאָט א. גודמאַן פון ניו־יאָרק צושאַפן אסעריע ביכער.

מה שבטוח ·
ביטוח
ומה שביטוח ·
הסנה

הסנה
חברת הביטוח הגדולה בישראל

צום צוריק קומען קיין ישראל
פון אונדזערע טייערע עסקנים:
**ה׳ ליאו טשעקוווער,**
**״ משה בורקא,**
**״ מרים שנקר,**
**״ ישראל שנקר**
ברוכים הבאים!

**דער וועלט פארבאנד**
**פון די ווילנער יידן**
באגריסט דעם ליבן פאַרזיצער
**ה׳ צבי בערגער**
**צו זיין צוריקקערן געזונט צו אונדז**

# צינקל בע״מ

**יצרני צנורות מתכת**
**קלים ומטלטלים להשקאה והמטרה**

1. צנורות השקייה מאלומיניום ״1½ עד ״14 ובאורך עד 18 מטר.
2. מסגרות בנין מאלומיניום, חלונות, דלתות, מחיצות וחזיתות.
3. פרופילים מאלומיניום לתעשיה וארכיטקטורה.
4. פחי אלומיניום שטוחים וסרטים גלולים.
5. צנורות ברזל מגולבנים, מוברגים, ושחורים ״½ עד ״2.

המפעל וההנהלה: אזור התעשיה החדש פתח־תקוה, טלפון 1־2־3־4־913355
משרד טכני: תל־אביב, רחוב העליה 33, טלפון 824790, 822048

**ZINKAL LIMITED**
(Export Department)
33 ALIYA STREET
TEL AVIV, ISRAEL



**כוכב סיגריות הפילטר**

# יבין חקל בע״מ

**עיבוד פרדסים, קטיף ואריזה,**
**שיווק פרי הדר,**
**נטיעה חדשה של מטעים**
**תעשית תוצרת לואי של פרי הדר, פירות וירקות**

המשרד הראשי:
**תל־אביב, רחוב לינקולן 9, ת. ד. 332**
**טלפון 30055.**

**חרושת חמרי נפץ**
**בע״מ**
**מוצרי נפץ והנדסה חימית**
**תעשיית חמרי נפץ אזרחיים ואביזריהם**
המשרד: ת״א, רחוב נחמני 25
ת.ד. 1363, טלפונים: 2־624571

**אגודה צרכנית שתופית**
**ירושלים בע״מ**
סופרמרקטים וסניפי שרות עצמי
עומדים לרשות ולשרות תושבי
**ירושלים**

**אגודה צרכנית שתופית**
**אשקלון בע״מ**
סופרמרקט וסניף שרות עצמי
עומדים לרשות ולשרות תושבי
**אשקלון**

אדרעס:
איגוד עולמי של יוצאי ווהלין
תל־אביב, רחוב ביאליק 8
ת. ד. 2540, טלפון 613316

דפוס „המצודה" בע״מ, תל־אביב, רח׳ המלך ג׳ורג׳ 38, טלפון 229112